1915 1940

# ERSTER KRINKER UNTERSTITZUNGS VEREIN

ORGANIZED 1915

## LADIES AUXILIARY

ORGANIZED 1920



OCTOBER 1915

SOUVENIR
OF THE
TWENTY FIFTH
ANNIVERSARY
CHICAGO·OCT. 20

OCTOBER 1940

# פאָרערעדע

עס איז שוין 25 יאָהר ווי דער קרינקער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט, און 20 יאָהר ווי די פרויען פאראיין האָט זיך געגרינדעט אלס אן אפטיילונג פון פאַראיין און לכבוד דעם יום טוב גיבען מיר אַרויס דעם "סאָוועניער" בוך. מיר די רעדאקציאנס-קאמיטע זיינען ניט געניאַרט. אין זיך. מיר ווייסן דאס דער פאַר־איין און די אוקזילערי האָט קיין וועלטען ניט איבערגעקערט. עס איז נאָך אַלץ אויף אונזער זינדיגער ערד געבליבען ביים אלטען. עס איז אפשר מיט פראצענטן ערגער געוואָרען. עס איז ביי איצטיגער צייט דאָ אַ געפאַר, דאָס אַלעס גוטעס, וואָס איז ביז איצט געשאַפען געוואָרען, זאָל פאַרניכטעט ווערען. נאָך מעהר ווי אין דער לעצטער קריג, מיט 25 יאהר צוריק, ווען אונזער פאראיין איז געגרינ־דעט געווארען. דאן האָט געבושעוועט א וועלט-קריג און איצט, צו אונזער 25־יאָהריגער פייערונג, איז אַנשטאָט עס זאָל הערשען פרידען און גערעכטיגקייט, נאָך וועלכעס מיר אלע שטרעבען אזוי שטארק, ווילדעוועט די שוידערליכסטע פארניכטונגס-קריג, וועלכע די וועלט האָט ווען עס איז געזען, אזוי ארום, אז אויף דעם געביט האָבען מיר געווים ניט וואָס צו פייערען. און וואָס אַנבעלאַנגט אונזערע געוועהנלאכע פאראיין-ארבייט, האָבען מיר אונזערע גוטע לויבענס־ווערטע ארבייט און אויך אונזערע שוואכע זייטען.

ניין, מיר זיינען ביי זיך ניט גענארט. מיר ווייסען, דאָס מיר זיינען בלויז א טייל פון דער פארצווייגטער, אמעריקאַנער, לאנדסמאנסשאפטן וועלכע ארבייטען אויף דעם זעלבען געביט. און מיר, אין אונזער בעשיידינקייט, האָבען בייגעטראָגען אונזער טייל פאַר דער אַלטער היים, און אויך דאָ אין אַמעריקאַ. און דערפאַר איז ביי אונז היינט אַזאַ גרויסער יום טוב. און פאַר די אַלע וועלכע ווילען זיך באַ־קאָנען מיט אונזערע אויפטואונגען, ווידמען מיר אונזער איצטיגען "סאָוועניר"־בוך. לעזט, און ווערט באַקאַנט!

**רעדאַקציאָנס קאָמיטעט**

# אנשטאַט אַ פּאַרערדע

פון אב. מיללער

מיר געהען פייערען דעם 25-יאָהריגען יובילעאום פון ערשטען קרינקער אונטערשטיצונגס פאַראיין, און דעם 20-יאָהריגען יובילעואם פון דער לײדיס אוקזילערי.

ביי פילע פון אונזערע לאַנדסלייט שטעלט זיך אַ פראַגע — איז איצט די צייט צו מאַכען שמחות? מיט אַזאַ פראַכט און גלאַנץ. מיט אַזעלכע שעהנע געדעקטע טישען . . . מיט אַזאַ שעהנעם סאָווועניר. מיט זילבערנע טאָוולען דערצו?

יאָ, אָט אזוי געהט די וועלט. עס איז אַ צייט צו וויינען און עס איז אויך אַ צייט צום לאַכען. אָט אזוי געהט דער אַלטעגליכער לעבען. דאָ וויינט מען און דאָ לאַכט מען . . .

אין דער ביזנעס-וועלט נעמט מען אינוועטאָרי אַלע יאָהר; און דער קרינקער פאַראיין אַלע 5 יאָהר. און ווער רעדט, אַז מיר זיינען שוין אַריינגעפאָהרען אין אַ גאַנצען פערטעל יאָהר הונדערט, קענען מיר אַזאַ געלעגענהייט ניט דורכלאָזען פון צו מאַכען עפּעס אַ יומטוב.

דער גאַנצער לעבען איז אַזוי וואָכעדיג אימער פאַראַרבייט, פערביזנעווט, אַיבערהויפּט דאָ אין אַמעריקאַ, די צייט ערלויבט ניט צופיהל יום-טובים. אימער הו, הא, דארום גלוסט זיך טאַקע אַמאָל איבערבייטען די קליידער און באַקומען אַ יום׳טוב׳דיגען אויסזעהן. עסן ביי א גרויסען טיש, אונטער די טענער פון מוזיק, ניט אַזוי ווי אין קיך ביים ״קיטשען-טייבעלע״. און דערביי טאַקע מאַכען אַ חשבון הנפש . . . וואָס האָבען מיר אויפגעטאָהן פאַר די לעצטע 25 יאָהר. אַלס אָרגאַניזאַציע, און געבען ״סטעיטמענטס״ און וויזען מיט ציפערען. איהר זיינט דאָך עפּעס שער ״האָלדערס״. איהר זיינט דאָך די יעניגע, וועלכע האָבען בייגעשטייערט אויף אַלעם וואָס דער פאַראיין און אַוקזילערי האָבען אויסגעצאהלט. אזוי קענט איהר דאָך מיינען אַז מיר האָבען די געלט פאַרשיקערט, אָדער פאַרשפּילט אין קאָרטען.

און גראַדע איצט ווען די גאַנצע וועלט טרינקט זיך אין איהר אייגענע בלוטען, די גרעסטע קאַטאַסטראָפע וואָס מענשען האָבען ווען עס איז געזעהן און געהערט. און די קאַטאַסטראָפע איז ניט קיין איבערנאַטירליכע. דאָס איז ניט קיין ערד-ציטערניש, אָדער פייער שפּייענדיגע בערג, וואָס דער מענש קען דאָס ניט פערמיידען. עס איז פּראָסט גערעדט אַ מאַניאַק, אַ ווילדער משוגענער הונט וואָס האָט זיך פערמאָסטען צו פאַרניכטען אַלע לענדער און שטעט מיט די מענשען צוזאַמען. איינפאַך חרוב מאַכען די וועלט.

עס האָט גענומען דורות און דורות לאנג, וואס מענשען האָבן געבויט, ווערט דאָס דורך זייערע מלאכי חבלים צושאַסען און צושאטען, פארברענט און פאַרניכטעט אין עטלאכע מינוט.

און ווען דער שווערד הענגט איבער דעם מענשענס קאָפּ, — ווען דער טויט שוועבט אימער פאַר די אויגען, — ווען אומשולדיגע מענער פרויען און קינדער קומען אום אין די שרעקליכסטע שמערצען, ווען די פערצווייפלונג האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, ווען מענשען ווערען געיאָגט און געפּלאָגט, געהאלטען פארשפּארט אין די קאַנצעטראַציע לאַגערען, געטריבען צו שווערער אַרבייט פאַר אַ שטיקעל ברויט מיט וואסער,

געשלאָגען, פאַרמוטשעט ביז'ן טויט — מענשן ווערן געיאָגט פון זייערע היימען איבערלאָזענדיג זייער האָב און גאָב, מיט איין העמד אויף זייערע ליבער.

קינדער ווערן אָפּגעריסען פון זייערע עלטערן. געוועזענע בעלי בתים, אַרבייטער און אפילו מיליאָנערען קומען אָן צו בעטל ברויט, זוכען אַן אָרט וואו צו לייגען זייער מידען קאָפּ און ווערען געטריבען פון איין לאַנד אין דער צווייטען און דערצו ניט זיכער מיט'ן לעבען, וואו ער זאָל ניט זיין.

אין דעם איצטיגען קריטישען מאָמענט, קענען מיר ניט פאַרגעסען אונזער פאַראיין און ליידיס אוקזילערי, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך, ווי אַ סאָלדאַט אויף זיין פּאָסטען זינט די לעצטע וועלט מלחמה אין דעם 25 און 20 יאָהריגען עקזיסטענץ פון אונזערע פאַראיינען.

מען קען ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנט די טעטיגקייט און ציפערען און גוטע אַרבייט וואָס זיי האָבען געטאָהן דאָס וועלען די לאַנדסלייט לעזען אין בוך. אמת, אונזער ליבע שטאָדט קריניק איז שוין פריי. עס האָגעלט ניט קיין פייערבאָמבעס, איבער זייערע קעפּ. זיי אָטעמען ניט מיט פּולווער־לופט, אָבער דאָס קען אונז ניט בארוהיגען. מען טאָר ניט זיין ''סעלפיש''. דער אַלגעמיינער אומגליק, אַלעמענס צות, אַלעמענס ליידען, יענעמס וויטאָג איז אויך אונזערער. ווייל מיר זיינען אַ גליד פון דער גאַנצער מענשען־משפחה. און מיר קענען ניט אָפּקומען מיט בלויז דעם וואָרט פון רחמנות. און מיר. אין דער פרייער און גאָלדענער אַמעריקאַ, זיינען נאָך גאָר ניט אַזוי זיכער מיט דעם מאָרגען.

דעריבער, מוזען מיר זיין אויף דער וואַך. ניט אָפּלאָזען די הענט, און מאַכען שבת פאַר זיך זעלבסט. פאַנגט אָן טראַכטען וועגען דעם, און פון צייט צו צייט אַ קוק טהאָן אין דעם אייראָפּעאישען שפּיגעל, און זיך האַלטען פעסט צוזאַמען האַנט און האַנט, ווי מען זאָגט דאָ אין אַמעריקאַ ''שאָלדער טו שאָלדער'' און זוכען פּלענער ווי און ווי אַזוי צו העלפען אונזערע שוועסטער און ברידער אין דער אַלטער היים און אויך דאָ. אַפּעלירען צו די יונגע לאַנדסלייט אויך צו אונזערע אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער, וואַכט אויף, בעפאָר עס איז צו שפּעט! . . .

היטלער קען נאָך אויך דאָ קומען און זיך אַריינרייסען אין אייערע הייזער און צונעמען אייערע קעניגער מיט די טייזען פון די קאַרטען טישלאַך.. לויזט אויף די קאַרד פּאַרטיס און געהט אין די פּוס־טריט פון אייערע עלטערן. וואַרט ניט ביז עס וועט ווערן צו שפּעט. עפענט דעם קליינעם ביכעלע מיט די זילבערנע טאַוולען, לעזט די גאָלדענע שורות מיט די גרויסע ציפערען וואָס אייערע טאַטעס און מאַמעס האָבען פאַרשריבען. מיר שרעקען אייך ניט — נאָר מיר רעדען צו אייך יונגע לאַנדסלייט, און קינדער ווי אַ פאָטער צו קינדער. . . .

טוט אייערע פליכטען ''פון מענש צו מענש.'' און אייער געוויסען וועט אַלע מאָהל זיין ריין.

די רעדאַקציע

---

אויב איינער אַרבעט נישט, מוז זיין איינער וואָס אַרבעט צופיל, אויב איינער איז צו זאַט, מוז זיין איינער וואָס איז הונגעריג.

* * *

דער טויט היילט אויס אַלע קראַנקהייטען.

* * *

ווען אַ מענש איז אַליין פאַרביטערט, מיינט ער, אַז אַלע מנשען זיינען ביטער.

* * *

עס איז בעסער צעהן מאָל מעסטען און איינמאָל שניידען, איידער פאַרקערט.



25 יאהריגער יובילעאום ארײנדזשמענטס קאמיטע

ערשטע רײהע, רעכטס צו לינקס — משה טיקאצקי, א. פרידענשטײן, ה. מיללער, מײער דזשײקאבס, מאקס דזשײקאבס. צװײטע רײהע — דזשאו שנײדער, אב. מיללער, דזשאו סילװער, סעם סעקס, מײשעל װײנבערג דריטע רײהע — יצחק פרידמאן, בעני אלפערט, דוד סעלקאװ, אלטער לידער.

# פינף און צוואנציג יאָר קרינקער פאַראיין און 20 יאָר לייד. אוקז.

**פון ה. מילער**

ביי איין יחיד איז אזא צאל יאָרן א וויכטיגער באדייטונג, ספּעציעל די לעצטע פינף און צוואנציג יאָר. און ביי דיזער געלעגנהייט ווילען מיר מאכען א שטיקעל רעכענונג און אונטערציהען א סך־הכל פון אונזערע טעטיגקייטען פאר דער צייט וואס מיר עקזיסטירען.

דעם עלפטען אקטאבער 1915 אין רעכטען פייער פון דער לעצטער וועלט־מלחמה איז דער קריניקער פאראיין גע־גרינדעט געוואָרען מיט דעם צוועק צו העלפען אונזערע לאנדסלייט אין אונזער שטעטעל אויף יענער זייט ים. ווייל עס האָט זיך שוין דערטראָגען דער וויי־געשריי פון דער שרעקליכער נויט וואָס עס האָט דאָרט עקזיסטירט. און באלד ביי זיין גרינדונג, דורך א קליינער צאָל לאנדסלייט איז א רוף ארויסגעלאָזען גע־וואָרען פאר הילף און אויך פאר דער אָנשליסונג אין קריניקער פאראיין. און דער רוף איז ניט געווען אומזיסט. די לאנדסלייט האָבען זיך אָפּגערופען און זיך אָנגעשלאָסען אלס מיטגלידער אין פאראיין. און אויך געענטפערט מיט געלט־מיטלען מיט א פולער האנט, און אזוי איז אָנגעגאנגען פאר דער גאנצער צייט וואָס דער פאראיין עקזיסטירט. די טעטיגקיי־טען זיינען אָנגעגאנגען אויפ'ן געביט פון העלפען אונזער אלטער היים מיט אלע אירע אנשטאלטען ווי דער לינת הצדק, וועלכער האָט געגעבען פרייע מעדיצין, דאָקטוירים און דענטיסטען און פארשי־דענע מעדיקאל הילף צו דער אָרימער באַ־פעלקערונג, פאר א זייער בילינגען פרייז. צו די וואָס זיינען געווען פארמעגליכער.

אויך דער יתומים קאָמיטעט וועלכער האָט זיך געגרינדעט באלד נאָכ'ן קריג, וועל־כער האָט אויסגעהאלטען אכציג מלחמה יתומים פון וועלכע פילע זיינען געווען פון אנדערע שטעט. נאָכדעם האָבען זיי איינגעאָרדענט א פאך־שולע אין וועלכער זיי האָבען די עלטערע קינדער געלערנט א פאך. מיר האָבען אויך געהאָלפען דער פרויען הילפס קאָמיטעט וועמעס אויפ־גאבע איז געווען צו העלפען אָרימע קינ־פעטאָרינס, און אנדערע אָרימע קראנקע פרויען מיט פלעגע און אנדערע מיטלען.

ס'איז געגרינדעט געוואָרען א גמילת־חסדים קאסע דורך דער ״דזשאָינט דיס־טריביושאָן קאָמיטעט צו לייען געלט צו קליין־הענדלער, קרעמער און בעלי־מלאכות, און צו זיי האָבען מיר געשיקט גרויסע סומען געלט. מיר האָבען געשיקט באדייטענדע סומען פאר קולטורעלע קער־פערשאפטען — ווי דער תלמוד תורה, דער העברעאישער שולע, און צו דער אידישער פאָלקס־שולע. מיר האָבען גע־האָלפען פארריכטען דער גרויסער שול, וועלכע איז באשעדיגט געוואָרען אין דער צייט פון קריג; פון שראפּנעלען, ווען די דייטשען האָבען באשאָסען קריניק.

יעדען יאָהר פלעגען מיר שיקען גרויסע סומען פאר האָליז, צוטיילען צווישען דער אָרימער באפעלקערונג, און פאר יום־טוב. ספּעציעל פאר פסח צוטיילען מעות חטים צו די אָרימע.

מיר האָבען געהאָלפען אויפבויען די

שטאָדטישע באַד, וועלכע איז רואינירט געוואָרען אין דער צייט פון קריג, און דאָס איז געווען א לעבענסנויטוועגדיגקייט פאַר דער אָרימער באפעלקערונג.

מיר האָבען אויך געשיקט א בעדייטענדע סומע פאר א ליאָדאָוונע, אז די שטאָט זאָל האָבען אייז פאַר זייער אָרימע קראנקע אין די זומער מאנאטען. די ליאָדאָווניע איז פארוואלטעט געוואָרען דורך דעם לנת הצדק, וועלכען מיר האָבען געשטיצט מיט באדייטענדע סומען.

אין פילע פעלע האָבען מיר אויך געשטיצט איינצעלנע, ווי אויך צו חתונה־מאכען עלטערע מיידלעך.

די אלע געלדער זיינען געזאמעלט געוואָרען פון די לאנדסלייט דורך דעם פאַראיין און אוקזילערי. מיר האָבען זיך ניט אפגעשטעלט בלויז מיט העלפען קרינקי, מיר האָבען דורך די אלע יאָרן אויך געשטיצט מיט א פולער האנט די אלגעמיינע הילפס־אקציעס, וואָס איז אָנגעגאנגען פאר די מלחמה ליידענדע אין אייראפא און אין אַנדערע לענדער, ווי צו דער דשאָינט רעליעף, האיאס, אָרט, פאר פאַלעסטינא, אידישען קאנגרעס, דזשאינט וועלפעיר, אויך צו די אלגעמיינע אידישע אַנטשטאַלטען אין אמעריקא; ווי דער לאָס אנדזשעלעס און דענווער סאניטאַריומס, אויך צו לאָקאלע אָרגאניזאציעס ווי די אידישע טשאריטיס, פאָקס ריווער סאַניטאַריום, די וועסט און נאָרט־וועסט סייד נוירסעריס, און צו די גומלי חסד של אמת, און אין אלגעמיין איינשליסענדיג אלע טשאריטי און קולטורעלע אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צו אונז באזונדערס האָבען מיר געהאָלפען אונזערע מעמבערס און לאנדסלייט פון שיקאגאָ.

א געגויעס באריכט וועט איר געפינען אויף אַן אַנדער פּלאַץ פון דיזען בוך. אויך האָבען מיר א לאָי־קאַסע, וועלכע עקזיסטירט שוין צייט איינגע יאָר. די קאסע לייט אויס געלט צו מעמבערס אָן קיינע פּראָצענט. מיר צאָלען אויך קראַנקען בענעפיט צו מעמבערס. אויך האָבען מיר א סעמעטערי, וועלכע ווערט פאַרוואלטעט פון פאַראיין.

דאָס זיינען געווען אונזערע אלגעמיינע טעטיגקייטען פאַר דער צייט וואָס מיר עקזיסטירען, און איצט ווען מיר גייען פייערען אונזער 25 יאָריגען געבורטסטאָג פון פאראיין און דעם 20 יאריגען געבורטסטאָג פון דער ליידיס אוקזילערי, געפינען מיר זיך ווידער אין א שרעקליכער מלחמה פייער, וועלכע האלט שוין אָן אריבער א יאָר צייט, און דער גאנצער אידענטום פון יוראָפּא געפינט זיך אין א שרעקליכער לאגע. נאָך שרעקליכער ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון אונזער גרינדונג און ווער קען פאָראויסזאָגען ווי אזוי דער איצטיגער טייוועלשער שפּיל וועט זיך ענדיגען, און איצט, מער ווי דעמאָלט, ליגט אויף אונז אמעריקאנער אידען נאָך גרעסערע פליכטען און מיר דארפען זיך נאָך מער אָנשטריינגען מיט אלע מיטלען צו ראטעווען דעם יוראָפּייאישען אידענטום פון אונטערגאנג.

דעריבער אפעלירען מיר צו קרינקער לאנדסלייט, איהר זאלט אויף ווייטער אָנהאלטען דעם גוטען נאָמען פון פאראיין און אוקזילערי. זיך האלטען פאראייניגט און ניט אָפּשטיין און טאקע ווערען טעטיג, ווייל אויף די אמעריקאנער אידען איז איצט ארויפגעלייגט געוואָרען א הייליגע פליכט וועלכע מיר מוזען דערפילען.

מיר מוזען ראטעווען די אידען פון יענער זייט ים פון אונטערגאנג. איבערהויפט אפעלירען מיר צו די יונגע און די ניטלאנג אריבערגעקומענע לאנדסלייט, זיך אָנשליסען און קומען צו אונזערע פערזאמלונגען. קומט ווערט טעטיג און נעמט

איבער די פירערשאפט. ווייל פאר דער גאנצער צייט שטייען כמעט די זעלבע ביים רודער, אייניגע זיינען ארויסגעפאלען, — אנדערע זיינען שוין אלט און שוואך. און איר וועט דאָך געוויס ניט וועלן זען, דאָס דער פאראיין זאָל ווערן שוואך, אין דער צייט וואָס זיין פונקציאָנירען איז אזא נויטווענדיגייט, צו איצטיגער צייט. מיר מוזען צוקריגען יונגע, פרישע בלוט, ווייל מיר האָבען אן אייגענטום צו פערוואלטען.

ספעציעל אונזער סעמעטערי, וועלכע איז ווערט טויזענדע דאָלארען. מיר האָבען שוין דאָרט אונזערע ליבסטע און טייערסטע. און עס פאָדערט זיך מענשען וועלכע זאָלען אכטונג געבען אויף דעם. און מיר מוזען אנגיין מיט אונזער ווייטערדיגע טעטיגקייטען. מיר האָפען דאָס אונזערע לאנדסלייט וועלען דאָס נעמען אין אכט, און אויף דעם 26-טען יאָר וועלען מיר אָנהויבען שרייבען פרישע בלעטער־געשיכטע, פון ארבייט און דינסט לטובת דער מענשהייט אין אלגעמיין. אונזער 25 יאָריגער עקזיסטענץ איז אן אָפענער בוך פאר אלעמען. מיר קענען זיין שטאָלץ מיט אונזערע אויפטואונגען. מיר האָבען זיך ערוואָרבען א געהעריגע פלאץ צווישען די לאנדסלייט פאראיינען אין אמעריקא און איבערהויפט פאר דער אלטער היים. ספעציעל, ווען עס ברענט אזא העלישער פייער און רעטונג איז אזוי דרינגענד. און צו אונזער 25 יאָריגען יובילעאום באגריסען מיר אייך אלע מעמבערס פון קריניקער פאראיין און די אוקזילערי אויך קריניקער לאנדסלייט. און מיר רופען אוים — זאָל לאנג לעבען דער קרינקער פאראיין און לידים אוקזילערי!

---

אוועקצונעמען ביי אימיצען דאס גליק איז זעהר גרינג, אבער צו געבען איינעם דאָס גליק — איז זעהר שווער.

# געדאנקען - שפריצלאך

דער מענש פארשטעהט נאר דאס לעבען, ווען ער האָט צוטרויען צו זיך זעלבסט.

✶ ✶

אז מען קען נישט איבערוואַרטען דאָס שלעכטע, קען מען דאָס גוטע ניט דערלעבען.

✶ ✶

מינאָריטעט און מאיאָריטעט מיינט אָפט:
ווענינ מענשען און א סך בהמות.

✶ ✶

זאגען ליגען און רעדען נארישקייט זיינען חסרונות, מיט וועלכע די מערסטע מענשען ווערען געבארען.

✶ ✶

ווער זאגט אז מען קען אלעס איבערזעצען? אנו, פרואווט איבערזעצען אין אן אנדער שפראך „אידישע צרות”...

✶ ✶

ווער עס קען נישט ליעבען, מוז קענען חנפ׳ענען.

✶ ✶

א קלוגער קען זיך אמאָל באנארישען.
א נאר -- באקלוגען -- קיינמאלנישט.

★ ★

דאָס גליק פון דעם נישט ווייסער איז -- וואס ער ווייס נישט אז ער ווייסט נישט.

✶ ✶

גליקלאך זיין אויף די עלטערע יארען איז גלייך ווי א שעהנער וועטער אין צייט פון הערבסט.

✶ ✶

דאָס גליק איז דער אמת׳ער פּרוביר־שטיין פון א מנשען׳ס ווערטה אדער זיין ווערטהלאָזיגקייט.

זכות־אבות — ווען מען איז אליין א גארנישט -- איז וי דער ווערטה פון א נול בעפאר דעם איינסעל.

# קריניק

פון יאסעל קאהן

היים מיינע, בארג אראָפּ,
וואו שלאָפט איצט דיין פלאַכע ערד?
וואו גרינט איצט דיין טאַליקער שראָט?
וואו שלאָף איצט דיין פלאכע ערד?
מיט הוילע קעפּ פארשעמט.
דיינע פעלדער ליגען דאָך פון לאנג שוין
מיט פארטריקענטע בריסט,
איך האָב מיין געזונטען לעבען
אוועקגעטראַגען
מיט צעזעגעלטע שיפען
אויף א פאַלשער ערד
אבגעגעבען האָב איך די אויסגע־
וואקסענע יאהרען
אויף פארפאנצערען זיך מיט שטאַל
און רויך,
א גרוס א בלוטיגען צו דיר אויסציהען
פון דעם ווייטערדיקען לעבען וואס
איך האב דאָ אויסגעאטעמט?
ווייל אפּגעריסען האָב איך דאָך פון דיר
אזעלכע אויסגעבליטע לעבענס,
און געלאָזען האָב איך דיין פעלד שטעהן
א ניט צואַקערטעס—
איז ווי אזוי וועט אויפגעגרינט ברויט
דיין פארשעמטע טראַכט קענען
אויסטראַגען ?
היים מיינע דארטען !
וואלט איך נאך דערקענט די אכט יאהר
וואס דו האסט מיר אזוי ציטערדיג
אויסגעוויינט?
כאטש מיין ווייטערדיג לעבען
ווערט אף דיין נאמען קריניק
צוגערעכענט,
אויסגעגלאצטע וואַלגערן זיך
די יאהרען, וואס איך האָב פון דיר
אפּגעריסען
א פאַרשולדיקטער קייקעל איך זיי
אף פארשפּיצטע בערג ארויף,
היים מיינע, דארטען!

עס ווילט זיך ניט פארשעמען דיין נאמען
וואס דיינע גארבארסקי זין
האָבען פון דיר אויסגעשטאַלצט
ניט אפּוואשען קען זיך דאס בלוט
פון מיין פעטער מאיר
וואס האָט פארלויכטען
די ביאַליסטאקער גאסען
איך בינד אָן אויף זיך
די נאָענטקייט פון דיין נאמען
קריניק מיין היים!

---

## מיין ניט־פאַרגעסענער היים

פון אב. מיללער

קריניק, מיין שטויביגע וויגעל
רוס־פּוילען, מיין אָרימע לאַנד;
שיטערע, נאַקעטע וועלדלאַך,
פעלדער פארטראָגען מיט זאמד.

אָרים אין בוימער, און בלומען
פון גארבארניעס די דוב בינסטו רייך,
גרילצט אין די קאָרען דער היישעריק
קוואַקען די זשאַבעס אין טייך.

קריניק, מיין שטויביגע וויגעל
עס נעמט מיך אויף דיר א פארדראָס.
שילטען, ווי טאָר מען א מאַמען?
בענשען, ניטאָ דיך פאַרוואָס. . . .

נעם איך זיך מיין היים דערמאָנען
שווימען מיר ארויס אַנטקעגען
פלאַכע פעלדער, זאַמד באַדעקטע
געלע שלעפּערדיגע וועגען.

און דאָך בייגק איך נאָך מיין שטעטעל
דו בינסט מיין אויביגער טרוים;
איך בין שוין לאַנג פון דיר אוועק
איך בייגק נאָך דיר עד היום.

# דברים היוצאים מן הלב

פון משה טיקאצקי



פשוט'ע ווערטער זיינען צו שוואך אויף איבערצוגעבען די געטריייע, גוטע ארבעט וואס אונזער ווירדיגער פרעזידענט, ה. מילער האָט אויפגעטאָן פאר אונזער פאראיין. מען מוז אָנקומען צו משלים שפראך. צום אבסטראקטען ווארט שפּיעל, אין א סימבאלישע פארמע פון אויסדרוק.

אלזאָ, אין דער אלטער צייט האָט מען גערעכענט זיבען גרויס-וואונדער אויף דער וועלט. דאָ, ניט לאנג צוריק, האָט זיך א גרויסער היסטאריקער אויסגעדריקט, אז דאָס אידישע פאלק איז דער אכטער וואונדער. דער דאָזיגער היסטאריקער איז א גרויסער פילאזאף און א גוי דערצו. ער האָט ז'ך געוויס נישט איינגערעט, אזוי ווי עס ריידען זיך איין אונזערע גמרא קעפּלאך, אז ביי זיי איז אלע שבע חכמות א קלייניקייט. דער היסטאריקער האָט גוט געזעהן אז א סך פון די לעצטע וואונדערלאכע ערפינדונגען איז מען זיך באגאנגען אָן אַן אידען. נאָר דער דאָזיגער היסטאָריקער וואונדערט זיך ניט אויף דעם אידישען מח, נאר אויפן אידישען כח. דער איד האָט פון לאנג אָן אָטעסטאט „כי קטן יעקב ודל" — יעקב איז א קליין ארימע פאָלק, א פאָלק אָן א לאנד, אָן מענשענרעכט און שונאים ניט זשעדני. דאָס אליין איז דאָך א וואונדער. עס ליגט אין דער נאטור, אז דער רייכער, גליקלאכער מענש האָט שונאים, ווייל מען איז אים מקנא און קנאה ברייננג שנאה. אבער מיט'ן ארימאַן איז פארקערט, ער האָט ניט קיין לעקערס ארום זיך, אבער קיין שונאים אויך נישט. עס איז צופיל כבוד פאר אַן אָרימאן צו האָבען שונאים, דאָס ווייזט אז ער איז אויך אַן „עפּעס" אז מען האָט פאר אים מורא.

און נאך אלע זאכען האָט דאָס אידישע פאָלק אזא כח אין זיך, אז ער האָט איבערגעלעבט די גרעסטע און שטארקסטע פעלקער. און אָט דעם כח זוכען אלע היסטאריקער.

פון דעם געדאנק איז מיר געקומען זיך צו פארקלערען אויף דעם וואונדערלאכען עקשנות'דיגען כח פון אונזער ווירדיגען פרעזידענט, וואס שוין 25 יאר ווי ער איז אויף זיין אמט. 25 יאר „לאו מילתא זוטריתא" ניט קיין קלייניקייט. די צייט האָט שוין מיט זילבער באדעקט זיינע האָר, און ער שטעהט נאך אויף זיין פּאסטען און ווערט נישט מיד פון דער שווערער ארבעט וואס אויף אים ליגט. ניט אלע מענשען קענען זיך דערהויבען צו אזא מדרגה, צו אזא ליבע צו זיין געבורטס שטאָט

ער האָט מיר אמאָל געזאגט — ווען אידען האָבען אמל געמוזט פארלאזען ארץ ישראל, וואנדערענדיג זיינען זיי צוגעקי-

(פאָרטזעצונג אויף זייט 42)

# געדאַנקען און בעאָבאַכטונגען

פון אַ קרינקער

ד. סעלקאָף



ד. סעלקאָף

אין אַ זייער אויסערגעוויינליכער צייט איז געגרינדעט געוואָרען דער קרינקער פאַראיין אין שיקאַגאָ אויפ'ן צווייטען יאָהר פון דער וועלט-מלחמה, אין אָקטאָבער 1915, און אָקטאָבער 1940 ווערט 25 יאָהר פון זיין עקזיסטענץ.

און איצט נאָך אין אַ פיל שווערער און אויסערגעוויינליכער צייט פייערט דער קרינקער פאַראיין און די לײדיס אָקזילערי זייער גראַנדיעזען יומטוב.

אין אַ צייט ווען אַ פּאָר משחיתים האָבען זיך פאַרנומען אומברייננגען די וועלט אין פייער און בלוט. דער פאַראיין אין פאַרלויף פון דער גאַנצער שווערער און קאַטאַסטראָפאַלער צייט איז מיט דער קרינקער לײדיס אוקזילערי צוזאַמען גע-שטאַנען אויף דער וואַך, געזאַמעלט סומען פאַר די נויטליידענדע אין אונזער אַלטער היים שטאָדט קריניק. 25 יאָהר אונערמידליכע ארבייט און אונערשעפּ-ליכע טעטיגקייטען פאַר אַלע אינסטי-טוציעס.

מיט 5 יאָהר שפּעטער אין 1920 איז געגרינדעט געוואָרען די לײדיס אוקזילערי זייער אויפגאַבע איז געווען צו העלפען אויסצוהאַלטען און דערציען אַלע יתומים וואס האָבען פאַרלאָרען זייערע פאַטערס אין דער מלחמה. זייער צאָל האָט דערגרייכט נאָענט צו הונדערט. זייער פיל צווישען די אומגליקליכע 'קינדער זיינען געווען די וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער פאָטער און מוטער פון דער שרעקלאכער טיפוס עפּידעמיע.

איך וויל זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט קיין גענויעם סטאַטיסטישען באריכט וועגען די קאָלאָסאַלע ארבייטען פון די יאָרען זינט זי האָט אָנגעהויבען פונקציא-נירען, ווייל דער פּלאַץ אין דעם סאוועניר איז זייער באַשריינקט.

איך בין אָבער זיכער אַז די ארבייט פון אָפּגעבען אַ פולען באַריכט וועט מסתמה געטאָן ווערען פון אַנדערע חברים.

און איצט, ווען מיר געהען פייערען דעם שותפות'דיגען יובילעאום פון די צוויי קערפּערשאַפטען, פון זייער שווע-רער קאָלאָסאַלער ארבייט, וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן אין דעם משך פון די אַלע יאָהרען, דאַרף דאָס זיין ביי יעדען פון אונז אַ גרויסע שמחה. ווייל ביידע פאַר-איינען קומען מיט אַ שעהנעם באַגאַזש

פון גוטע אַרבייט און מיט זייער אַ גלענ־
צענדען רעקאָרד פון גרויסע אויפטו־
אונגען.

און ווען מיר זאָלען נעמען אָט די גרויסע פאַראַנטוואָרטליכע אַרבייט וואָס די צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבען ביידע צוזאַמען אויפגעטאָן פאַר וועלכער זיי האָבן געאַרבייט ביידע האַנד און האַנד און פאַר דעם זעלבען ציל, גלויב איך ניט אַז עס איז פאַראַן וועלכע מאָס צו מעסטען אָדער וועלכע וואָג צו איבערוועגען, ווייל לויט דער אַרבעט, קומט דאָס גאַר אויס פון ביידען צוזאַמען — ג א נ צ ע 45 יאָהר און דערפאַר באַטאָן איך נאָך אַ מאָל אַז קיין איין קרינקער טאָר ניט פאַרפעלען צו נעמען אָנטייל אין אונזער גרויסען יומטוב.

און ביי דער געלעגנהייט ווילט זיך מיר אויסדריקען אַ געדאַנק אין באַצוג צו אַלע לאַנדסמאַנשאַפטען, פאַראיינען בכלל און אונזער קרינקער בפרט. עס שטעלט זיך פאַר מיר אַ פראַגע — ווער זיינען געווען, אָדער בעסער געזאָגט וואָס פאַר אַ סאָרטען מענשען זיינען געווען יענע ערשטע גרינדער, באַלד נאָך דער מלחמה דאָ אין שיקאַגאָ פון אַלע אידישע פאַר־איינען? אָדער צו וואָס פאַר אַ קלאַסען האָבען די ערשטע גרינדער אייגענטליך באַלאַנגט? לויט ווי איך פאַרשטיי זיינען זיי ניט געווען פון די שוהל־אידען. ווי אויך ניט פון די רייכערע קלאַסען אידען. און זיכער ניט פון די אַסימילירטע. גע־קומען בין איך אָבער צו דער איבער־צייגונג אַז דאָס זיינען געווען מערהסטען־טייל פון דעם אידישען אַרבייטער קלאַס און ווי אויך אַלע אַנדערע פון די אָרימע פאָלקס מאַסען.

אָט די אָרימע שיכטען פון דער אידי־שער געזעלשאַפט זיינען זיי דאָס געווען די ערשטע צו ענטפערן דעם ערשטען ווייַ־געשריי פון די פאַרפייניגטע מלחמה־קרבנות פון יענער זייט ים, נאָר זיי האָבען באַלד דערזעהן די גאַנצע שאַרפקייט פון דעם הונגער און עלענט, וואָס איז אַנט־שטאַנען דאָרט אין זייערע שטעדט און שטעטלעך דורך דער וויסטער מלחמה.

באַלד האָבען זיי זיך אַריינגעוואָרפען מיט זייער גאַנצען ברען אין דער הייליגער אַרבייט צו גרינדען די לאַנדסמאַנשאַפטען פאַראיינען. מיט אַ מסירת נפש'דיגער איבערגעבענהייט האָבען זיי אויפגע־שטורימט די אידישע עפענטליכע מיינונג דאָס יעדער איינער זאָל צולייגען אַ האַנט און בריינגען די געווינשטע הילף.

דער קרינקער פאַראיין איז איינער פון די ערשטע צאָלרייכע פאַראיינען וואָס האָבען זיך באַלד צושפרייט דאָ אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקאַ. און ווען אַלע שכנות'דיגע שטעטלעך אַרום קריניק האָבען נאָך גאָר ניט גע'חלום'ט וועגען אָרגאַניזירען זיך פאַר דעם נאָ־בעלען ציל, האָבען שוין די קרינקער אָנ־געהויבען שיקען באַדייטענדע סומען געלד אין אונזער אַלטער היים־שטאָט.

און איצט ווען איך רעד וועגען אונ־זער אַלטער געבוירטס־שטאָדט, קריניק, האַלט איך, אַז עס וואָלט געווען פון מיר אַ שטיקעל מאַראַלישער פאַרברעכן, אין אַפּפאַרטיגען בלויז מיט אַ פּאָר געוויינ־ליכע ווערטער.

און כאָטש דאָס איז שוין אַן אַלטער קאַפּיטעל געשיכטע, געפינען מיר אָבער פאַר נויטיג צו פאַרבריינגען אַ פּאָר אַלטע זכרונות פון גאָר שוין אַן אַלט־לאַנגער פאַרגאַנגענער צייט. צו אונזער היינטיגען גרויסען יום־טוב קאָנען מיר ניט פאַר־ביי געהן מיט אונזער פייערליכען אימ־פּאָזאַנטען יום־טוב און ניט דערמאָנען קריניק, וואָס האָט געגעבען אַזוי פיל גע־שיכטליכע קוריאָזען און איבערלעבונגען פאַר די קרינקער מאַסען בכלל און פאַר דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג בפרט.

שוין אַזוי ווייט ווי אין יאָהר 1896, האָט שוין דאַן קריניק פאַרמאָגט אַ גרוי־סע אַרבייטער באַוועגונג, וועלכע די גרעס־

טע טייל פון זיי האָבען שוין באלאנגט צום ''בונד.''

ווען אנדערע שטעט און שטעטלאך האָבען נאך גאנץ געשמאק געשלאפען אלס אָרימע אונטערדריקטע מאסען, סאי עקאָנאָמיש און סאי פּאָליטיש, געווים האָבען שוין די דאמאָלסטיגע קרינקער ארבייטער אָנגעפיהרט העפטיגע סטרייקס פאר בעסערע באדינגונגען און מענשלי־כערע באהאנדלונגען. דאָס זיינען געווען ביי יענער צייט קאָן מען זאָגען די גרעסטע עמאָציאָנאָלע אויפטרייסלונגען אין די יונגע מוחות פון יענע ארבייטער, א שטייגער אזא פּאָדערונג ווי ארבייטען פון זיבען ביז זיבען און געלד אין קאנ־טאר.

אָט פון יענער צייט הויבט זיך אָן דער העראָאישער קאמף ''ארבייט און קאפּיטאל.'' א גאנצע עפּאָכע פון גע־שיכטע ציהט זיך פון דאן אָן אין דעם ארבייטער'ס לעבען, מאסען ארעסטען פון טורמעס און ארויסשיקונגען. קריניק האָט געשאפען געשיכטע פאר דער דא־מאלסטיגער צארישער רוסלאנד. אבער ניט ווייניגער מורא און בויך דרייעניש פאר דער דאמאלסטיגער פּאָליציי. אום צו האָבען א באגריף וואָס קריניק איז געווען, געה איך איצט ניט שרייבען קיין אָפּהאנדלונג, איך וויל מעהר ניט זאָגען צו אלע יעינע קרינקער אוואו זיי זאלען זיך ניט געפינען, אז עס איז א כבוד און א שטאָלץ צו זיין א קרינקער. ווייל קרינ־קער רעכענען זיך פון די ערשטע וועלכע האָבען אויפגעכאפּט יענע נייע פרידינס ווינטען וואָס האָט זיך באלד פּאָטופּעט אין זייערע מחות דער סאָציאליסטישער גע־דאנק.

עס זיינען שוין געווען דאן מאסען גרופּען ארבייטער גוט באוואוסטזיניג ווי אויך גוט אנטוויקעלט מיט'ן באוואוסט־זיין פון סאָציאליסטישען געדאנק. ביי טאָג האָבען זיי געארבייט זייער שווער אין די לעדער פאבריקען און שפּעט ביי נאכט פלעגען זיי זיצען פאר דער ליכט פון א קליינעם קעראָסין לעמפּעל און געשמאק געלערענט קארל מארק'ס ''קאפּיטאל און ארבייט.''

קריניק האָט פארצייכענט אויף איהר חשבון א בעדייטענדען קאפּיטעל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערע געשיכטע, וואָס איז באהאלטען געווען פון דער וועלט און געלעגען פארשלאָסען אין די צארישע ארכיוועז פון דער דריטער אפּטיילונג— (אכראנע) פילע פון אונז דארפען נאָך געדיינקען אונזערע יונגע העלדען און מארטירער ווי — סיקאָרסקי, ניאָמקע פרידמאן, אפראָיציק סאנדלער, ישראל איסער און מאיר קרינקער. און נאָך פילע וועלכע דער פּלאץ ערלויבט מיר ניט זיי אויסרעכענען מיט די נעמען. צווישען יענע העלדן און מארטירער פון יענער צייט זיינען נאך פאראן, א דאנק דער צייט, פיל לעבעדיגע וואס געפינען זיך היינט־צו־טאג דאָ אין אמעריקא.

זייער פיל פון אונזערע קרינקער דאר־פען דאָך אויך געדיינקען דעם 17־טען יאנואר פון 1905, די גרויסע מאסען פארזאמלונג אין דער קרינקער שוהל! און נאכהער די גרויסע דעמאנסטראציע אין וועלכער עס האָבען זיך באטייליגט אלע ארבייטער, די אידישע ווי אויך די קריסטליכע. מיט דער גאנצער שטאָטישער באפעלקערונג צוזאמען מיט דעם ענטו־זיאסטישען געזאנג אונטער די טענער פון דעם ''אינטערנאציאָנאל''. א גרויסער רעגען האָט געגאָסען. אלע מארשירענדע זיינען אויסגעווייקט געוואָרען צוקוקענדיג ווי די גרויסע טעפּיקע בראָנפען פלעשער זיינען געפלויגען מיט א שטארקען בריאזג פון די גלאָז אויף די געבראקירטע שטיי־גער פון דער שווישליצער גאס. און ווען איך שרייב איצט די שורות פון יענע אלטע זכרונות, ווער איך דורכגעדרונגען מיט א גרויסען יראת **הכבוד** פאר

יענע קאמפּף-לוסטיגע העלדען פון וועל־כע עס האָט זיך אויסגעגאָסען די ברוי־זענדע כוואַליעס פון צאָרן פאַר צענדליגע יאָהרען אונטערדריקונגען אין אַן אַקט פון נקמה אויף דעם אַלטען צאַריסטישען אָרדענונג.

אַט די אַלע העלדען-מאַרטירער, וועל־כע איך האָב דאָ אָקאָרשט דערמאָנט, סיי די וועלכע זיינען געפאַלען אין קאַמף און באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבענס אויפ׳ן מזבח פון צאַריזם און סיי די לע־בעדיגע, מוטיגע קעמפּפער וועלכע זיינען צושפּרייט געוואָרען נאָך דער רעוואָלוציע פון 5-טען יאָהר, אויפ׳ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

און אָט פון יענע קערענדלעך, וואָס זיינען אין יענער צייט פאַרזהייט געוואָרן אויפ׳ן קרינקער סאָציאַליסטישען באָדען האָט דער שטורים-ווינט פאַרטראָגען איי־נעם פון יענער גרויסער אַרבייטער־משפּחה צו די אַמעריקאַנער ברעגען, איז אונזער אַלעמענס גוט באַקאַנטער חבר און פריינד, היימען מילער, דער פּרעזי־דענט פון קרינקער פאַראיין. הגם ער איז געקומען אהער א סך פריהער פאַר דער רעוואָלוציע, איז ער אָבער שוין פון זיין פריהסטער יוגענט אין דער אַלטער היים געוועזען טעטיג אין דער באַוועגונג. קומענ־דיג קיין שיקאַגאָ אַלס אַרבייטער ביי זיין פאַך פאַרשטעהט זיך, אז ער האָט דורכ־געמאַכט דעם גאַנצען לאַנגען עטאַפּ, וואָס אַרבייטער מאַכט דורך גרינערהייט. —— ליידען און פּיין . . . אָבער ווי עס האָט נאָר אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע פון 5טען יאָהר, זעהען מיר שוין אונזער היימען מילער ביי דער אַרבייט.

ער מיט נאָך איינינע חברים גרינדען באַלד א קלאָב צווישען זיך צו זאַמלען עטליכע דאָלאַרען פון זייערע אָרימע פאַר־דינסטען און שיקען פאַר די אַרעסטירטע חברים אין קרינקי. גלייכצייטיג האָבען זיי געהאַט א פיינע ביבליאָטעק מיט ביכער, פון צייט צו צייט דורכגעפיהרט באַלערנ־דע לעקציעס. אַזוי אַרום זיינען זיי אָנגע־גאַנגען מיט זייער אַרבייט ביז 1907 און 1914 האָט אויסגעבראָכען די מלחמה.

און אָט טרעפען מיר שוין ווידער אונזער באַקאַנטען חבר היימען מילער אין 1915, אַלס איינער פון די ערשטע גרינ־דער פון קרינקער פאַראיין.

און איצט קומט אונזער היימען מילער צום 25-יאָהריגען יובילעאום מיט א גרוי־סען רעקאָרד פון שעהנע אַרבייט אויפ׳ן געביט פון קרינקער פאַראיין. אַלס פּרע־זידענט פון 24-יאָהריגער גרויסער און וויכטיגער אַרבייט פאַר זיין געבוירט־שטאָט קרינקי.

ליבען חבר און פריינד, איך באַגריס דיר פון טיפען האַרצען. צו דיין היינטיגען יום-טוב וועלכער איז אויך אונזר אַלע־מענס יום-טוב. דיינע גרויסע פאַרדינסטען און אויפטואונגען רעדען פאַר זיך אליין דאָרטען ווייט אויף יענער זייט ים און אונזער אַלעמענס באַליבטע שטאָדט —— קרינקי.

איך באַגריס אויך די פּרעזידענטין חיענקע גרינבערג צוזאַמען מיט דער ליידיס אוקזילערי. חיענקע גרינבערג מיט איר אונערמידלאַכער אַרבייט פאַר דער גאַנצער צייט. זי האָט ספּעציעל גע־האָלפען די יתומים אין קרינקי וועלכע האָבען געהאַט דעם אומגליק צו פאַרלירן זייערע ליבסטע און טייערסטע.

פרעהט זיך מיט אייער היינטיגע שמחה וואָס איהר האָט געגעבען די מעגליכקייט פון קליינע יתומים צו ווערען פאַל־שטענדיקע מענטשען.

איך ווינש אז מיר אַלע זאָלען אין גיכען דערלעבען צו פייערען יענעם גרוי־סען יום-טום אויף וועלכען די גאַנצע וועלט וואַרט מיט אַזוי פיל אומגעדולד, אז שלעכטעס און בלוט-פאַרגיסונג זאָל אָפּגעטאָהן ווערען און זייער פּלאַץ זאָל פאַרנעמען גערעכטיגקייט און יושר אין א סאָציאַליסטישער אָרדענונג פאַר אַלע מענשען צו גלייך.

# 25 יאָר פון קרינקער פאראיין-נאכדעם וואס?

פון

**א. פרידענשטיין**

דער קרינקער פאראיין גרייט זיך צו פייערן זיין 25 יאריגען געבורטסטאג, און די לײדיס אוקזילערי—דעם 20טען. צו דער געלעגענהייט גיבען מיר ארויס א יובילעאום סואווניר. וואלט זיך מיר וועלען, אלס איינער פון די אפיסערס, פון פאראיין, וועלכער העלפט אָנפירען מיט דער ארבייט און טעטיגקייט פון דער סאסייטי אויף אלע איהרע געביטען כמעט פאר דער גאנצער צייט פון איר עקזיסטענץ, עפּעס אריינשרייבען אין דעם בוך פאר דעם „וואל און בעסטען פון דער אָרגאניזאציע״ שטעלט זיך אבער די פראגע: וואס שרייבט מען? זאל איך באשרייבען די פארדינסטען און די אל־געמיינע כאראקטערשטריכען פון דער סאָסייטי? דערמאָן איך זיך אָן דער מעשה מיט דעם בעל עגלה וועלכער איז געקומען מיט א שאלה צו רבי יוסף בער בריסקער.

— רבי — איך האָב נאר וואס אפּ־געזאגט דעם גאנצען תהלים, דארף איך נאך זאגען ברכי נפשי? ס׳איז געווען א ווינטערדיקער שבת ווען אידען אין שוהל זאגען ברכי נפשי און אז דער גאנצער ברכי נפשי איז ארויסגענומען פון תהלים צו וואס נאך זאגען ברכי נפשי ווען ער האָט שוין אפּגעזאגט דעם גאנצן תהלים? דאָס זעלבע איז אין באצוג צו אונזער איצטיגער יובילעאום אויסגאבע.

מיט צעהן יאר צוריק, צו דער פיי־ערונג פון אונזער 15 יאריגער אניווער־סארי, האָבען מיר ארויסגעגעבען א ממשות־דיקען בוך געווידמעט אין גאנ־צען צו קרינִיק און קרינקער פאראיין אין שיקאגא, נישט אויסלאזענדיק קיין שטריך און פאזע פון דעם פאראיין און אוקזילערי וואס זאל דארטען ניט באַ־שריבען ווערן. הייסט דאך, דאס מיר האָבען שוין אפּגעזאגט דעם גאנצען תהלים, היינט צו וואס נאך זאגען איצט ברכי נפשי?

און באמת וואס קען מען איצט שריי־בען מכח דיזען ענין עס זאל ניט זיין קיין ווידערהאָלונג פון די שוין געזאגטע און געשריבענע?

יעדער מענש באזיצט א נאטירליכען נעגענגעפיל צו ווידערהאלונג עפּעס ניי־עס, פרישעס, נעמט ער גערן אויף.

פארוואס האָט זיך אזוי שטארק קיין מאל נישט געוואלט דאווענען? ווייל ניי זאג איבער אלע טאג דאס זעלבע. האָב איך טאקע צוליב דער אורזאכע באשלאָ־סען אויסצולאזען אין גאנצען דער פאר־גאנגענהייט. נאך אלעמען, האָבען מיר דאך שוין אריבערגעלעבט דער פּעריאָדע פון זיך פוצען און חנ׳דלען אום אויס־צונעמען. מיר האָבען שוין דערגרייכט אין לעבען די תקופה וואס מען דארף שוין אָנהויבען ערענסט אריינטראכטען אין דער צוקונפט. אן ארגאניזאציע וועלכע עקזיסטירט 25 יאר און ביי איר רודער שטעהען דיזעלבע ארבייטער און אָנפירער, וועלכע האָבען געלייגט איר ווינקעלשטיין, מוז שוין אָנהויבן ארויס־צייגען סמנים פון אלטקייט און ערשע־פונג, א בנין איז אזוי שטארק ווי זיינע זיילען און פאסטעמנס וועלכע האלטן אים אונטער. ווען זיי ווערען עלטער און אפּ־געניצט, הויבט זיך דער בנין אָן צו בוי־גען און שפּאלטען. און דיזער נאטיר־לעכער פּראצעס נילם איך ביי יעדער

זאך וואס לעבט און עקזיסטירט אין יו־ניווערס, ניט אויסשליסענדיג קיינע גע־זעלשאפטליכע קערפערשאפטען.

ווילט זיך מיר טאקע דא אוועקשטעלן די פראגע:

וואס פאר א צוקונפט קענען מיר ער־ערווארטען פאר אונזער סאסייטי אויב זי וועט ניט צוקריגען קיינע פרישע, יונגע קרעפטען אנצושליסען זיך אין די ריי־הען פון די עלטערע וועלכע האבען אוועק געגעבען אזוי פיל פון זייער צייט און ענערגיע צו מאכען דעם פאראיין פאר דעם שטאלץ פון אלע קרינקער לאנדס־לייט אין אמעריקא. אויך וויל איך אויס־נוצען די געלעגענהייט און ארויסקומען אין דיזען בוך מיט אן אפיל צו אונזערע מעמבערס און לאנדסלייט, זיך אפווענדן פון זייער פאסיווער שטעלונג צו אונזער ארגאניזאציע און אננעהמען א מעהר פאזיטיווער שטעלונג און צולייגן א האנד צום רודער. ווייל אייער אקטיווע מיט־הילף איז דרינגענד נויטיג אויפצוהאלטן אונזער בנין וואס האט גענומען 25 יאר פון אונערמידלאכער ארבעט אויפצו־בויען. ביי איצטיגער צייט קען אונז קיינע קאמפלימענטען און לויב־געזאנ־גען גאר נישט העלפען. און ביי דיזער שטעלונג פאסט זיך גאנץ גוט דער צוויי־טער טהייל פון דער מעשה, ווי רבי יוסף בער בריסקער האט געענטפערט דעם בעל עגלה, אויף זיין שאלה אויב ער דארף זאגען ברכי נפשי נאכן אפזאגען דעם גאנצען תהלים.

— רבי יאנקעל — פרעגט ער אים. אלס בעל עגלה — ווען איר פיהרט א פולען וואגען מיט רעדער־שמיראכץ, דארפט איר שוין נישט שמירען די רע־דער פון אייער וואגען? קענען מיר פון דיזען משל ארויסנעהמען א מוסר השכל בנוגע אונזער ענין, דאס מאכט נישט אויס ווי ברויט הארציג אונזערע מעמ־בערס און לאנדסלייט זאלען ניט זיין מיט'ן געבען א דאלאר ווען נויטיק, אויך ווי פ ר י י ג ע ב י ג זיי זאלען ניט זיין מיט א גוט ווארט אדער א לויב־געזאנג וועגען די פארדינסטען פון פאראיין, האבען זיי נאך אלץ ניט דערפילט זייערע פליכטען צו דער ארגאניזאציע. ביי איצ־טיגער צייט מוזען מיר האבען קרעפטען צו שמירען די רעדער און צולייגען א האנד צום וואגען.

און איצט וויל איך אויסדריקען צו מיינע חברים אפיסערס און מעמבערס פון קרינקער פאראיין און לידיס אוקזילערי, מיינע מיטגעפילען פון פרייד און דאנק־בארקייט וואס מיר האבען דערלעבט אלע צוזאמען פייערן די שמחה פון 25 יאר ארבעט אויף דעם געביט פון העל־פען נעדריקטע און נויטליידענדע.

איך באגרים אייך און ווינש מיר זאלן נאך לאנג זיין צוזאמען און דערלעבען די מפלה פון אלע שונאי ישראל און די נחמה פון כל ישראל.

* * *

א וואלף ענדערט זיין פעל אבער ניט זיין כאראקטער.

* * *

פארלארענע שטונדען קען מען צוריק נישט כאפען.

אפילו די פינגער ביי א מענשען זיינען נישט אלע גלייך.

* * *

וועה איז דעם הויז, וואו קעץ און מייז זיינען גוטע פריינד.

* * *

זיי ניט צו זיס, כדי מען זאל דיר ניט אויפהעסען, זיי ניט צו ביטער, כדי מען זאל דיר ניט אויסשפייען.

* * *

חלה איז אזוינס, וואס פרומע ווייבער נעמען און גוטע ווייבער גיבען אוועק.

# געדאנקען--שפּריצלאך

א צופיל געדולדיגער מאנספארשוין קען אומגעדולדיג מאכן די געדולדיגסטע פרוי.

★ ★

ניט נאר פליגען נאר מענשען קענען אויך אמאל קריכען אויף די גלייכע ווענט.

* * *

א מענש איז נישט קיין מלאך -- זאגט די וועלט. דאך קען ער אפט זיין א מלאך המות.

★ ★

וויץ איז א ארומגעפוצטע גראבהייט.

★ ★

דער שכל האט קיין פיס נישט, ער פאהרט אבער בעסער ווי די טייערסטע פערד.

★ ★

ביי דעם רייכען האט דער ארימאן א קלענערע צורה, ווי א צורת מטבעה.

★ ★

די טהיירסטע נעקטאים טראגען גע־וויינלאך אזעלכע מענשען, וואס עס וואלט זיך גיכער פאר זיי געפאסט א שטריקעל..

★ ★

א מענש לערענט זיך אוים ריידען גאנץ פריה, אבער שווייגען -- גאנץ שפעט.

* * *

א מערקווירדיגע זאך, אז גראדע יענע מענשען וואס לעבען פון שמוציגע גע־שעפטען, געהן ארום מיט ריינע העגד.

* * *

די בעסטע זאך איז—אז מען ווערט נישט געבוירען. ווער קען אבער זוכה זיין דערצו ?

ווען איהר ווילט האלטן ביי נאכט אייערע פענסטער אפען,, דארפט איהר גאט בעטען, ער זאל פארמאכען די מיילער ביי אייערע שכנים.

* * *

אנקומען צו א פערד און נישט צו קיין מענשען, קען נאר א בעל הגלה...

* * *

ווען איהר ווילט לייענען לייכטע בי־כער, דארפט איהר קויפען אזעלכע. וואס זיינען נאך ני טגעבונדען.

* * *

על־פי־רוב לאזען זיך הערען די, וואס וואס קריגען אריין די קלינגענדיגע.

* * *

דאס פנים איז א מסור וואס גיט ארויס סודות פון הארצען.

* * *

פריהער טראכט און דערנאך זאלסטו רעדען.

הער אויף ריידען איידער מען וועט דיר זאגען — גענוג.

דער מענש איז העכער פון אלע חיות מיט זיין כח הדבור, ער איז אבער נידע־ריגער פון זיי ווען ער מיסברויכט זיין כח הדבור.

* * *

קיין זאך לויפט ניט שנעלער ווי די יאהרערן.

* * *

פארליבטע האבען ליעב די לבנה, ווייל זיי דארפען נישט אז די זון זאל זיי ווארימען.

* * *

דאס לעבען איז א קאמפף, אבער נים אלע באנוצען דערצו די ריכטיגע וואפען.

# כמעט אַן ארטיקעל

מײשעל װײנבערג



מײשעל װײנבערג

דער קרינקער פאראײן צוזאמען מיט דער לײדיס אוקזילערי פײערן איצט דעם 25 און 20 יאָהריגען יובילעאום פון זײער גרינדונג איז דאָס בײ אונז קרינקער לאנדסלײט זײער א חשוב'ער יום־טוב. אַלס אײנער פון די װעלכע האָבען גענומען אַן אקטיװען אַנטײל אין דער גרינדונג און אין דער אױפהאלטונג פון פאראײן, פיל איך זיך אין א יום־טוב'דיגע שטימונג, און איך װעל פּרובירען אױפשרײבען א יום־טוב'דיגען ארטיקעל.

אָבער שױן גלײך בײם אָנפאנג פיל איך װי יענער בעל־תקיעה בײ װעמען דער שטן האָט זיך אױסגעלײגט אין דער ברײט פון שופר און לאָזט ניט בלאָזען. כאָטש צורײס זיך, עס געהט ניט. און װען איך האָב געזאגט אונזער פּרעס־קאמיטע אז איך דײנק דאס דעם מאָל װעלן זײ זיך באגעהן אָהן מײן שרײבן — האָבען זײ אָנגעשריבען אין די "הומאָריסטישע שטריכען" דאָס איך בין ארױס אין א סימפּאטי־סטרײק מיט מײן ברודער, װעלכער סטרײקט שריפטלאך אין דעם איצטיגען יובילעאום סאָװעניר. װיל איך זאָגען צו מײנע פּרעס־קאמיטע מיטארבײטער, עס איז פון מײן זײט ניט קײן פּרײװיליגער סימפּאטי־סטרײק. עס איז אַן ארױפגעצװאונגענער "לאָקאוט" װאָס דער בײזער שטן פיהרט אַן קעגען מיר. און איך פון מײן זײט װעל טאקע איצט פּרובירען ברעכען דעם "לאָקאוט", װײל דער קרינקער פאראײן איז מיר ליב און טײער, און עס װילט זיך מיר גערען בײטראָגען מײן קלײנעם חלק צו אונזער איצטיגען יום־טוב. און אויב עס װעט ארויסקומען ניט אזוי געראָטען, איז דאָס זיכער ניט די שולד פון מײן שװאכען װילען אנטײל צו נעמען אין דעם ליטעראַרישען טײל פון אונזער יובילעאום סאָװעניר. נאָר גראדע פארקערט, מײן שטארקער חשק צום געבען עפּעס רעכטס, װעדליג װי עס פּאסט פאר אזא יום־טוב'דיגען אונטערנעמונג. װעט מוזען טײל־װײז טראָגען די שולד פון דער ניט־געראָטענהײט פון מײן איצטיגען שרײבען.

עס איז מיט מיר איצט װי מיט יענעם פרומען אידען, װעלכער האָט ניט פײנט געהאט דעם ביטערען טראָפּען, און ער פלעגט זיך אזוי פּאװאָלינקע גאנץ פײן אָרײנזופּן מען פלעגט איהם פילע מאָל טרעפען א בגילופענדיגען, א פרײליכען, נאָר — װען עס איז געקומען הײנטיגער שמחת תורה איז ער געװען אינגאנצען ניכטער און טאקע גאָר ניט פרײלאך. האָט מען איהם א פרעג געטאָן, רב שמחה װאָס איז מיט אײך געשען? שמחת תורה און איהר זײט גאָר הײנט ניכטער, איהר פרײט זיך גאָר ניט? האָט ער געענטפערט, פארשטײט איהר מיר; אמאָל, אז בראָנפען

# אן אבשאצונג פון די בעאמטע און מיטגלידער פון קרינקער פאראיין און לײדיס אוקזילערי

**פון ה. מילער**

זוי עס פיהרט זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע. איז אויך פאַראַן, אויסער דעם פּרעזידענט, אַ סטעף אָפיסערס, וועלכע שטעלען צוזאַמען די פיהרערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. דער וויים־פּרעזידענט קומט נאָך דעם פּרעזידענט. מאַקס דזשייקאָבס איז ניט קיין קרינקער געבאָרענער, דאָך פאַר די יאָהרען וואָס ער איז אַ מעמבער פון קרינקער פראיין איז ער שטענדיג געווען פון די טעטיגע, און האָט דערפיהלט זיינע פליכטען אַלס וויים־פּרעזידענט פאַר די פילע יאָהרען וואָס ער האַלט זיין אַמט. אַ הונדערט פּראָצענט. קומט צו יעדער מיטינג. טוט יעדע שווערע אַרבייט צו יעדער אונטערנעמונג. מיט איין וואָרט, זיין גאַנצער פרייער צייט גיט ער אַוועק פאַר די טעטיקייטען פון פאַראיין.

אונזער פינאַנס סעקרעטאַר, מייער דזשייקאָבס, אויך ער איז ניט קיין קרינקער געבאָרענער, אָבער ער איז אַזוי צוזאַמענגעוואָקסען מיט'ן קרינקער פאַראיין דאָס מען קען איהם אָנרופען דער "נערוו־סענטער" פון פאַראיין.

אמת, זיין אַמט איז אַ באַצאָלענדער, אַבער דעם געצאָלט וואס ער קריגט דעקט ניט די קאָסטען פון די געז וואָס ער פאַרברויכט צו זיין אויטאָמאָביל לטובת דעם פאַראיין. און וואס איז מכח די טעלעפאַן קאָלס, וואס אויך פאַר דעם ברייננגט ער קיין מאָל קיין ביל צום פאַראיין.

קיין וועטער איז פאַר איהם ניט צו שלעכט, ווען עס קומט איהם אויס צו געהן לטובת דעם פאַראיין. זייענדיג פון דער נאַטור אַביסעל נערוועז און לעצטענס פילט ער זיך אביסעל שוואכער אין זיין געזונד, ווערט ער אַמאָל אויפגערעגט און רעדט אין אַ העכערען טאָן צו ווע מען עס פאַלט אויס דער גורל איהם אָנטרעפען אין אַ נערוועזען צושטאַנד. אָבער מיינט חלילה ניט קיין שלעכטס.

מען דאַרף איהם פאַרשטעהן און פאַרגעבען, ווייל אַלע זיינע שוואַכקייטען ווערען פאַרטונקעלט פון זיינע גרויסע מעלות און פאַרדינסטען, מיט זיין איבערגעבענהייט און ערליכקייט אין דינען די אינטערעסען פון דעם קרינקער פאַראיין. אויך אַלס סעקרעטאַר פון דער סעמעטערי דעפּאַרטמענט קומט איהם אויס צו פאַרקערען מיט די לאַנדסלייט אין צייט פון טרויער און ער מוז האַנדלען לויט די רולס און רעגולײשאָנס פון דער אָרגאַניזאַציע. טרעפט אַמאָל דאָס עס קומט צו אַ מיספאַרשטענדעניש און ער ווערט אַמאָל אויך באַליידיגט, אָבער ער נעמט דאָס אָן אַלס אַ טייל פון זיינע פליכטען און פאַרבייגט זיין כבוד צוליב דעם, ווייל און בעסט פון דער אָרגאַניזאַציע. אונטער די אומשטאַנדען איז ער דער בעסטער פינאַנס סעקרעטאַר וואָס דער פאַראיין האָט ווען עס איז געהאַט.

אונזער רעקאָרדינג סעקרעטאַר, א. פרידענשטיין, אויך ניט קיין קרינקער, און צופעליג זיינען די דריי וויכטיגסטע אַמטען פון פאַראיין געהאַלטען פון ניט קיין קרינקער געבארענע און זיי האָבען באַוויזען צו איבערטרעפען אַנדערע קרינקער. פרידענשטיין איז שוין פּראָטאָקאָל־

סעקרעטאר, פאר לאנגע יאָהרען, און ער צייכנט זיך אויס אין זיין אמט. זיינע פראָטאָקאָלען זיינען אזוי ווי א ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג. מיט זיין אינטעליגענטען קוק אין לעבען באהאַנדעלט ער פראַגען זייער לאָגיש. אליין א געלערנטער אין תלמוד און אין דער וועלטליכער ליטעראַטור איז א פארגעניגען איהם צו הערען רײדען. ביי יעדען געלעגענהייט צו אין ליידען צו אין פרידען פארטרעט ער אונז'ן אלס רעדנער. ער טוט אונזערע גייסטיגע ארבייט און איז געשעצט און געאכטעט פון אונזערע מיטגלידער און לאנדסלייט, און ער איז ווירקליך א שטאָלץ פאר אונזער פאראיין.

אונזער טרעזשורער, משה טיקאָצקי, איינער פון אונזערע עלטערע חשוב'ע לאנדסלייט, אונזער גרינדונגס סעקרעטאר. צוליב זיינע געשעפטען האָט ער פאר פילע יאָהרען ניט געקענט זיין טעטיג אין פאראיין. איצט, אלס צוריקגעצויגענער ביזנעס מאַן איז ער צוריק מיט אונז, און איז ווידער טעטיג. ער איז אונזער איצטיגער טרעזשורער. זיין עלטער און זיין וואוינען ווייט פון אונז האַלט איהם ניט צוריק פון קומען מיט זיין פרוי, שוועסטער טיקאָצקי צו יעדען פאַרזאַמלונג. — ווי שלעכט דער וועטער זאָל ניט זיין. ער צייכענט זיך אויס מיט זיין געלערענטקייט און קלוגע גדאַנקען און גלייכע ווערטער.

מיר ווינשען איהם געזונד, און לאַנג לעבען. ער זאָל נאָך לאַנג אָנהאַלטען זיין אמט ביי אונז.

סעם סעקס, אונזער טרעזשורער פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט, איינער פון די אלטע מעמבערס פון פאראיין, האַלט אָן זיין אמט מיט ווירדע, טראָץ דעם וואָס ער איז א פארנומענער מענש, קומט ער צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, דינט דעם פאראיין ווי א געטרייער סאָלדאַט.

ווי איהר ווייסט, האָבען מיר א לײדיס אוקזילערי, וועלכע איז צוזאַמענגעוואַקסען צום פאראיין. מיר פיהרען די פארזאמלונגען צוזאמען, און מיר פיהרען אָן מיט אלע אונזערע טעטיגקייטען אינאיינעם אויף יעדען געביט. זיי באַשיינען אונזערע פערזאמלונגען, און מיר זיינען שטאָלץ מיט זיי. אויך זיי האָבען א באזונדער סטעף פון אָפּיסערס, וועלכע ארבייטען צוזאמען מיט'ן פאראיין.

די פּרעזידענטין פון דער אוקזילערי, אונזער אלעמענס באליבטע ענא גרינבערג פארטרעט דעם אמט. כמעט פאר די גאַנצע 20 יאָהר וואָס די אוקזילערי עקזיסטירט. איהר ארבייט פאר דער גאנצער צייט איז ניט אפּצושאצען. גלייך ווי זי איז אריבערגעקומען, נאָך אלס גרינע איז זי געוואָרען טעטיג אין פארשידענע אָרגאַניזאַציעס און איבערהויפּט אין קרינקער פאראיין און אָנגענומען די פיהרערשאַפט פון די לײדיס, און האָט אויפגטאָן וואונדערבארע ארבייט פאר דער אלטער היים און אויך פאר שיקאגאָ. א שווערע ארבייטערין צו יעדע אונטערנעמונג און געלטזאמלונג. און טראָץ די פילע שטערונגען צוליב פאמיליען קראנקהייט און אליין אין שוואכען געזונד, שטייט זי אויף איהר פּאָסטען און ווערט ניט מיד אליין צו טאָן און ערמוטיגען אנדערע פרויען צו טאָן די הייליגע ארבייט פון פאראיין און אנדערע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע זי איז פאראינטערעסירט.

אונזער וויס-פּרעזידענטין פון דער אוקזילערי, חנה דזשייקאָבס, איז זייער א טיכטיגע טוערין פון דער אוקזילערי. שטענדיג טעטיג. באטייליגט זיך אין יעדער ארבייט וואָס דער פאראיין און אוקזילערי נעמען אונטער. באזוכט יעדען מיטינג און איז פון אונזער חשוב'סטע שוועסטער פון דער אוקזילערי.

אונזער אוקזילערי סעקרעטאר, רבקה

# גערדאנקען--שפריצלאך

א צופיל גערולדיגער מאנספארשוין קען אומגערולדיג מאכן די גערולדיגסטע פרוי.

✶ ✶

ניט נאר פליגען נאר מענשען קענען אויך אמאל קריכען אויף די גלייכע ווענט.

* * *

א מענש איז נישט קיין מלאך -- זאגט די וועלט. דאך קען ער אפט זיין א מלאך המות.

✶ ✶

וויץ איז א ארומגעפוצטע גראבהייט.

✶ ✶

דער שכל האט קיין פיס נישט, ער פאהרט אבער בעסער ווי די טייערסטע פערד.

✶ ✶

ביי דעם רייכען האט דער ארימאן א קלענערע צורה, ווי א צורת מטבעה.

✶ ✶

די טהייערסטע נעקטאים טראגען גע־וויינלאך אזעלכע מענשען, וואס עס וואלט זיך גיכער פאר זיי געפאסט א שטריקעל..

✶ ✶

א מענש לערענט זיך אויס ריידען גאנץ פריה, אבער שווייגען -- גאנץ שפעט.

* * *

א מערקווירדיגע זאך, אז גראדע יענע מענשען וואס לעבען פון שמוציגע גע־שעפטען, געהן ארום מיט ריינע העמד.

* * *

די בעסטע זאך איז—אז מען ווערט נישט געבוירען. ווער קען אבער זוכה זיין דערצו ?

ווען איהר ווילט האלטן ביי נאכט אייערע פענסטער אפען,, דארפט איהר גאט בעטען, ער זאל פארמאכען די מיילער ביי אייערע שכנים.

* * *

אנקומען צו א פערד און נישט צו קיין מענשען, קען נאר א בעל הגלה...

* * *

ווען איהר ווילט לייענען לייכטע בי־כער, דארפט איהר קויפען אזעלכע. וואס זיינען נאך ני טגעבונדען.

* * *

על־פי־רוב לאזען זיך הערען די, וואס וואס קריגען אריין די קלינגענדיגע.

* * *

דאס פנים איז א מסור וואס גיט ארויס סודות פון הארצען.

* * *

פריהער טראכט און דערנאך זאלסטו רעדען.

הער אויף ריידען איידער מען וועט דיר זאגען —— גענוג.

דער מענש איז העכער פון אלע חיות מיט זיין כח הדבור, ער איז אבער נידע־ריגער פון זיי ווען ער מיסברויכט זיין כח הדבור.

* * *

קיין זאך לויפט ניט שנעלער ווי די יאהרען.

* * *

פארליבטע האבען ליעב די לבנה, ווייל זיי דארפען נישט אז די זון זאל זיי ווארימען.

* * *

דאס לעבען איז א קאמפף, אבער ניט אלע באנוצען דערצו די ריכטיגע וואפען.

# כמעט אן ארטיקעל

מיישעל וויינבערג



מיישעל וויינבערג

דער קרינקער פאראיין צוזאמען מיט דער לײדיס אוקזילערי פייערן איצט דעם 25 און 20 יאהריגען יובילעאום פון זייער גרינדונג איז דאס ביי אונז קרינקער לאנדסלייט זייער א חשוב'ער יום-טוב. אלס איינער פון די וועלכע האבען גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער גרינדונג און אין דער אויפהאלטונג פון פאראיין, פיל איך זיך אין א יום-טוב'דיגע שטימונג, און איך וועל פרובירען אויפשרייבען א יום-טוב'דיגען ארטיקעל.

אבער שוין גלייך ביים אנפאנג פיל איך ווי יענער בעל-תקיעה ביי וועמען דער שטן האט זיך אויסגעלייגט אין דער ברייט פון שופר און לאזט ניט בלאזען. כאטש צוריים זיך, עס געהט ניט. און ווען איך האב געזאגט אונזער פרעס-קאמיטע אז איך דיינק דאס דעם מאל וועלן זיי זיך באגעהן אהן מיין שרייבן — האבען זיי אנגעשריבען אין די "הומאריסטישע שטריכען" דאס איך בין ארויס אין א סימפאטי-סטרייק מיט מיין ברודער, וועלכער סטרייקט שריפטלאך אין דעם איצטיגען יובילעאום סאווועניר. וויל איך זאגען צו מיינע פרעס-קאמיטע מיטארבייטער, עס איז פון מיין זייט ניט קיין פרייוויליגער סימפאטי-סטרייק. עס איז אן ארויפגעצוואונגענער "לאקאוט" וואס דער בייזער שטן פיהרט אן קעגען מיר. און איך פון מיין זייט וועל טאקע איצט פרובירען ברעכען דעם "לאקאוט", ווייל דער קרינקער פאראיין איז מיר ליב און טייער, און עס ווילט זיך מיר גערען ביי־טראגען מיין קליינעם חלק צו אונזער איצטיגען יום-טוב. און אויב עס וועט ארויסקומען ניט אזוי געראטען, איז דאס זיכער ניט די שולד פון מיין שוואכען ווילען אנטייל צו נעמען אין דעם ליטערארישען טייל פון אונזער יובילעאום סאווועניר. נאר גראדע פארקערט, מיין שטארקער חשק צום געבען עפעס רעכטס, וועדליג ווי עס פאסט פאר אזא יום-טוב'דיגען אונטערנעמונג. וועט מוזען טייל-ווייז טראגען די שולד פון דער ניט-געראטענהייט פון מיין איצטיגען שרייבען.

עס איז מיט מיר איצט ווי מיט יענעם פרומען אידען, וועלכער האט ניט פיינט געהאט דעם ביטערען טראפען, און ער פלעגט זיך אזוי פאוואלינקע גאנץ פיין ארייבזופן מען פלעגט איהם פילע מאל טרעפען א בגילופענדיגען, א פריליכען, נאר — ווען עס איז געקומען היינטיגער שמחת תורה איז ער געווען אינגאנצען ניכטער און טאקע גאר ניט פרייליך. האט מען איהם א פרעג געטאן, רב שמחה וואס איז מיט אייך געשען? שמחת תורה און איהר זייט גאר היינט ניכטער, איהר פרייט זיך גאר ניט? האט ער געענטפערט, פארשטייט איהר מיר; אמאל, אז בראנפען

איז געוועזן ביליג און די תורה איז געווען טייער . . . האָב איך טאַקע געקאָנט טרינקען, און געהאַט זיך מיט וואָס צו פרייען — אָבער היינט אַז בראָנפּען איז גראָד טייער, און די תורה איז ביליג, נו, ווי אַזוי קאָן אַזאַ קבצן ווי איך טרינקען בראָנפּען, און מיט וואָס קאָן איך זיך פרייען?

במעט אויף'ן זעלבען שטייגער פיל איך זיך איצט ביי אונזער גרויסען יום־טוב. מיט 10 יאָהר צוריק, ווען מיר האָבען געפייערט אונזער 15־יאָהריגען יובילעאום, האָב איך אָנגעשריבען אַפּאַר זאַכען פאַר אונזער יובילעאום בוך, און ווען מען גיט מיר דאַן מעהר פּלאַץ וואָלט איך געשריבען נאָך מעהר, און היינט מאַטער איך זיך שטאַרק אויף דעם איינציגען שטיקעל אויך מיר אַן אַרטיקעל. די אורזאַכע פאַר וואָס דאָס איז אַזוי? איז, ווייל, דאַן בין איך נאָך געשטאַנען אויף אַ זיכערען באָדען מיט די פיס אויף דער ערד, און די קאָפּ געווענדעט צום הימעל . . . געאַרבייט, געקעמפּפט, און געהאָפט . . . די צוקונפט האָט געשמייכעלט מיט אַ צוזאָג פאַר אַ בעסערען טאָג פאַר דער אַלגעמיינער מענשהייט בכלל, און פאַר אידען בפרט. אָבער איצט, אַך, עפּעס אַזוי פאַרנעבעלט דער הימעל, פאַרצויגען מיט שווערע פינסטערע וואָלקענס, און די ביסעל ליכט שטראַלען וואָס דערגרויכען, זיינען גאַר מערסטענס דער אָפּשפּיגלונג פון די טייכען בלוט וואָס ווערען פאַרגאָסען פון די אומשולדיגע קרבנות וואָס פאַלען אָן אַ צאָהל אין די שרעקליכע הריגות וואָס ווערען געמאַכט פון די איצטיגע פינסטערע וועלט־הערשער, די דיקטאַטאָרען פון אַלע קאָלירען — 'ברוין,' שוואַרץ, רויט, און דער טייוועל ווייסט זיי דאָרטען די איבעריגע . . . עס פילט זיך ווי דער באָדען פון אונטער די פיס וואָלט אַרויסגעשלעפּט געוואָרען און מען בלאָנדזשעט אין פוסטען חלל אָהן זיכערהייט און אָהן אַ ציל.

נאָר פונדעסטוועגען טאָרען מיר ניט ווערען פאַרצווייפעלט. עס ווילט זיך גלויבען און האָפען, דאָס נאָך פאַ אונזער צייט וועט קומען אַן ענדערונג. עס מוז קומען! די מענשליכע געשיכטע דערציילט אונז פון אַ סך שרעקליכערע פּעריאָדען פון ווילדע באַרבערייען, און שרעקליכע מערדעריען, פון פילע היטלערס, נאָר מיט אַנדערע נעמען. און פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבען. איך וועל פאַרענדיגען מיט דער פּאָעמע פון אונזער אונשטערבליכען געניאַלען דיכטער, י. ל. פּרץ, וואָס כאָטש דאָס איז געשריבען געוואָרען מיט אַריבער 40 יאָהר צוריק, פּאַסט זיך עס גאַנץ גוט פאַר דער היינטיגער צייט.

מיין ניט די וועלט איז אַ הפקר באַשאַפען;
פאַר וועלף און פאַר פוקסען פאַר רויב און פאַר שווינדעל.
דער הימעל אַ פאָראַנג אַז גאָט זאָל ניט זעהן.
דער ווינד צו פאַרשטיקען די ווילדע געשרייען,
די ערד איינצוזאַפען די בלוט פון די קרבנות —
אַ מיין ניט די וועלט איז הפקר!
געמאָסטען ווערט אַלעס געוואויגען ווערט אַלעס;
קיין טרער און קיין בלוטיגער טראָפּען פרגאָסען.
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג פרלאָשען!
פון טרערען ווערען טייכען, פון טייכען ווערען ים'ען,
פון ים'ען אַ מבול, פון פונקען אַ דונער —
אַ, מיין ניט „לית דין ולית דיין" . . .

(פאָרטזעצונג אויף זייט 41)

# מיין שטעטעלע --- מיין שטעטעלע

פון מאקס סמיט

ניטאָ שוין מעהר מיין שטעטעלע
די שטעטעלע פון אמאָל,
וואו געשטאנען איז מיין בעטעלע
דאָרט איז טרערען אָהן א צאָהל.

אוועק די ווייסע ציגעלע
קיין ראָזשינקעס און מאַנדלען
קיין מאמע שטעהט ביים וויגעלע
קיין טאטע געהט ניט האַנדלען.

אוים מיט שעהנע פארנאכטן
קיין רבי אויך קיין חדר
א שטעטעלע ווי אויסגעשלאַכטען
מענשען שטן׳ס אָהן קליידער.

צושטערט דער שבת קודש
צוריסען דעם טאטענ׳ס טלית,
פול איז נור דער הקדש
אומעטום דער דלות.

מען הערט ניט קיין געלעכטער
פערבאָטען יעדער זאך,
מערדערס זיינען וועכטער
טייפלען אויף דער וואַך.

ניטאָ די היימישע גוים
מיט׳ן גרוסען יאַריד,
עס הערשען איצט משוגעים
מעהר ווי אלע ליידעט דער איד.

ניטאָ די אלע זאכען
וואָס האָט געבראַכט צום לעבען
דער קינדערשער שטיפען לאַכען
האָבען אויך קינדרלאך אויפגעגעבען.

זייט געגריסט שוועסטער, ברידער
פון קרינקער אונטערשטיצונגס פאראיין,
ווי גוט צו זעהן אייך ווידער
אזוי געוואָקסען אייער ארבייט
נאָבעל און שעהן.

דורכגעהיט פון יעדען שטורעם
אָפּגעהיט די פאמיליע בוים,
וואו א נויטווענדיקער
פערלייכטערט זיינע יסורים
און ניט פארגעסען די אלטע היים

אזא הייליגע ארבייט, רופט יעדען
שוועסטער און ברודער
העלפט אזא ארבייט, ווער קען פארזעהן
מיין ברכה צו די וואָס
שטייען ביים רודער
געבען געלד, צייט ווי גאָרניט וואָלט געווען

אליין איינער פון די גרינדער
מיין ערווייטערונג געווים א גרויסע זינד
מיר ווייסען, א פאטער פרעגט ניט
זיינע קינדער
איך אויך בעט, פערגיב מיר מיין קינד.

מיט שמחה געהט סעלעברייטען
גוטע ארבעטפון 25 יאָר,
לערענט אייער יוגענד אייער
אידיאל פארשפרייטען
זאָלען זיי זיין א ברכה פאר׳ן
קומענדען דור.

---

## דער בעסטער דיינו

זאָג מיר נאָר גוטער ברודער — האָט איין לץ געפרעגט דעם צווייטען — וועלכער דיינו אין דער הגדה געפעלט דיר בעסער? אלו נתן ממונם ולא נתן לנו את הת׳ורה אָט דער דיינו געפעלט מיר אמבעסטען — האָט יענער געענטפערט.

# אן אבשאצונג פון די בעאמטע און מיטגלידער פון קרינקער פאראיין און ליידיס אקזילערי

פון ה. מילער

זוי עס פיהרט זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע, איז אויך פאַראַן, אויסער דעם פּרעזידענט, אַ סטעף אָפיסערס, וועלכע שטעלען צוזאַמען די פיהרערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע. דער וויס־פּרעזידענט קומט נאָך דעם פּרעזידענט. מאַקס דזשייקאָבס איז ניט קיין קרינקער געבאָרענער, דאָך פאַר די יאָהרען וואָס ער איז אַ מעמבער פון קרינקער פראיין איז ער שטענדיג געווען פון די טעטיגע, און האָט דערפיהלט זיינע פליכטען אַלס וויס־פּרעזידענט פאַר די פילע יאָהרען וואָס ער האָלט זיין אַמט. אַ הונדערט פּראָצענט. קומט צו יעדער מיטינג. טוט יעדע שווערע אַרבייט צו יעדער אונטערנעמונג. מיט איין וואָרט, זיין גאַנצער פרייער צייט גיט ער אַוועק פאַר די טעטיקייטען פון פאַראיין.

אונזער פינאַנס סעקרעטאַר, מייער דזשייקאָבס, אויך ער איז ניט קיין קרינקער געבאָרענער, אָבער ער איז אַזוי צוזאַמענגעוואַקסען מיט'ן קרינקער פאַראיין דאָס מען קען איהם אָנרופען דער ״נערוו־סענטער״ פון פאַראיין.

אמת, זיין אַמט איז אַ באַצאָלענדער, אָבער דעם געצאָלט וואָס ער קריגט דעקט ניט די קאָסטען פון די געז וואָס ער פאַרברויכט צו זיין אויטאָמאָביל לטובת דעם פאַראיין. און וואָס איז מכח די טעלעפאָן קאָלס, וואָס אויך פאַר דעם ברייננט ער קיין מאָל קיין ביל צום פאַראיין.

קיין וועטער איז פאַר איהם ניט צו שלעכט, ווען עס קומט איהם אויס צו געהן לטובת דעם פאַראיין. זייענדיג פון דער נאַטור אַביסעל נערוועז און לעצטענס פילט ער זיך אַביסעל שוואַכער אין זיין געזונד, ווערט ער אַמאָל אויפגערעגט און רעדט אין אַ העכערען טאָן צו וועמען עס פאַלט אויס דער גורל איהם אָנטרעפען אין אַ נערוועזען צושטאַנד. אָבער מיינט חלילה ניט קיין שלעכטס.

מען דאַרף איהם פאַרשטעהן און פאַרגעבען, ווייל אַלע זיינע שוואַכקייטען ווערען פאַרטונקעלט פון זיינע גרויסע מעלות און פאַרדינסטען, מיט זיין איבערגעבענהייט און ערליכקייט אין דינען די אינטערעסען פון דעם קרינקער פאַראיין. אויך אַלס סעקרעטאַר פון דער סעמעטערי דעפּאַרטמענט קומט איהם אויס צו פאַרקערען מיט די לאַנדסלייט אין צייט פון טרויער און ער מוז האַנדלען לויט די רולס און רעגולייישאָנס פון דער אָרגאַניזאַציע. טרעפט אַמאָל דאָס עס קומט צו אַ מיספאַרשטענדניש און ער ווערט אַמאָל אויך באַליידיגט, אָבער ער נעמט דאָס אָן אַלס אַ טייל פון זיינע פליכטען און פאַרבייגט זיין כבוד צוליב דעם, ווייל און בעסט פון דער אָרגאַניזאַציע. אונטער די אומשטאַנדען איז ער דער בעסטער פינאַנס סעקרעטאַר וואָס דער פאַראיין האָט ווען עס איז געהאַט.

אונזער רעקאָרדינג סעקרעטאַר, א. פרידענשטיין, אויך ניט קיין קרינקער, און צופעליג זיינען די דריי וויכטיגסטע אַמטען פון פאַראיין געהאַלטען פון ניט קיין קרינקער געבאַרענע און זיי האָבען באַוויזען צו איבערטרעפען אַנדערע קרינקער. פרידענשטיין איז שוין פּראָטאָקאָל־

סעקרעטאַר, פֿאַר לאַנגע יאָהרען, און ער צייכנט זיך אויס אין זיין אַמט. זיינע פּראָטאָקאָלען זיינען אַזוי ווי אַ ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג. מיט זיין אינטעליגענטען קוק אין לעבען באַהאַנדעלט ער פּראָגען זייער לאָגיש. אַליין אַ געלערנטער אין תלמוד און אין דער וועלטליכער ליטעראַטור איז אַ פאַרגעניגען איהם צו הערען ריידען. ביי יעדען געלעגענהייט צו אין ליידען צו אין פרידען פאַרטרעט ער אונז׳ אַלס רעדנער. ער טוט אונזערע גייסטיגע ארבייט און איז געשעצט און געאכטעט פון אונזערע מיטגלידער און לאַנדסלייט, און ער איז ווירקליך אַ שטאָלץ פאַר אונזער פאַראיין.

אונזער טרעזשורער, משה טיקאָצקי, איינער פון אונזערע עלטערע חשוב׳ע לאַנדסלייט, אונזער גרינדונגס סעקרעטאַר. צוליב זיינע געשעפטען האָט ער פאַר פילע יאָהרען ניט געקענט זיין טעטיג אין פאַראיין. איצט, אַלס צוריקגעצויגענער ביזנעס מאַן איז ער צוריק מיט אונז, און איז ווידער טעטיג. ער איז אונזער איצטיגער טרעזשורער. זיין עלטער און זיין וואוינען וויט פון אונז האַלט איהם ניט צוריק פון קומען מיט זיין פרוי, שוועסטער טיקאָצקי צו יעדען פאַרזאַמלונג. — ווי שלעכט דער וועטער זאָל ניט זיין. ער צייכענט זיך אויס מיט זיין געלערענטקיין און קלוגע גדאַנקען און גלייכע ווערטער.

מיר ווינשען איהם געזונד, און לאַנג לעבען. ער זאָל נאָך לאַנג אָנהאַלטען זיין אַמט ביי אונז.

סעם סעקס, אונזער טרעזשורער פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט, איינער פון די אַלטע מעמבערס פון פאַראיין, האַלט אָן זיין אַמט מיט ווירדע, טראָץ דעם וואָס ער איז אַ פאַרנומענער מענש, קומט ער צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, דינט דעם פאַראיין ווי אַ געטרייער סאָלדאַט.

ווי איהר ווייסט, האָבען מיר אַ לײדיס אוקזילערי, וועלכע איז צוזאַמענגעוואַקסען צום פאַראיין. מיר פיהרען די פאַרזאַמלונגען צוזאַמען, און מיר פיהרען אָן מיט אַלע אונזערע טעטיגקייטען אינאיינעם אויף יעדען געביט. זיי באַשיינען אונזערע פערזאַמלונגען, און מיר זיינען שטאָלץ מיט זיי. אויך זיי האָבען אַ באַזונדער סטעף פון אָפיסערס, וועלכע ארבייטען צוזאַמען מיט׳ן פאַראיין.

די פּרעזידענטין פון דער אוקזילערי, אונזער אַלעמענס באַליבטע ענא גרינבערג פאַרטרעט דעם אַמט. כמעט פאַר די גאַנצע 20 יאָהר וואָס די אוקזילערי עקזיסטירט. איהר ארבייט פאַר דער גאַנצער צייט איז ניט אָפּצושאַצען. גלייך ווי זי איז אריבערגעקומען, נאָך אַלס גרינע איז זי געוואָרען טעטיג אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און איבערהויפּט אין קרינקער פאַראיין און אָנגענומען די פיהרערשאַפט פון די לײדיס, און האָט אויפגעטאָן וואונדערבאַרע ארבייט פאַר דער אַלטער היים און אויך פאַר שיקאַגאָ. אַ שווערע ארבייטערין צו יעדע אונטערנעמונג און געלטזאַמלונג. און טראָץ די פילע שטערונגען צוליב פאַמיליען קראַנקהייט און אַליין אין שוואַכען געזונד, שטייט זי אויף איהר פּאָסטען און ווערט ניט מיד אַליין צו טאָן און ערמוטיגען אַנדערע פרויען צו טאָן די הייליגע ארבייט פון פאַראיין און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע זי איז פאַראינטערעסירט.

אונזער וויס־פּרעזידענטין פון דער אוקזילערי, חנה רזשייקאָבס, איז זייער אַ טיכטיגע טוערין פון דער אוקזילערי. שטענדיג טעטיג. באַטיילינט זיך אין יעדער ארבייט וואָס דער פאַראיין און אוקזילערי נעמען אונטער. באַזוכט יעדען מיטינג און איז פון אונזער חשוב׳סטע שוועסטער פון דער אוקזילערי.

אונזער אוקזילערי סעקרעטאַר, רבקה

גאַרפילד, אַפילו ניט קיין אַלטע מעמבערין אָבער זייער אַן איבערגעגעבענע טוערין. ניט געקוקט אויף דעם וואָס זי איז פאַר־נומען אין ביזנעס מיטהעלפענדיג איהר מאַן גיט זי אוועק פיל צייט, קומט צו יעדען מיטינג, און האַלט די ביכער אין בעסטען אָרדענונג. הלוואי האָבען מיר פילע אַזעלכע רבקה'עס! . . .

אונזער לאַי־קאַסע סעקרעטאַר, מאַשע רובין, פיהרט אַליין אַ באַזונדערע אָפּ־טיילונג, און פון די וויכטיגסטע אָפּ־טיילונגען. זי באַרגט אויס סומעס געלט צו מיטגלידער אָהן פּראָצענט. אויף איהר איינפאַכען שטייגער פיהרט זי די ביכער באַרגט אויס און קאָלעקטעט די געלט. זי איז ביי אַלעמען באַליבט מיט איהר ליבליכען שמייכעל. און מיט טאָלעראַנץ געהט זי אָן מיט איהר הייליגער אַרבייט זייער צופרידענשטעלענד. צום באַדויערען פילט זי לעצטענס ניט צום בעסטן אין געזונד. מיר האָפען און ווינשען זי זאָל געזונד ווערען און אָנהאַלטען פאַר אַ לאַנגער צייט איהר וויכטיגען אַמט, ווייל קיין בעסערע פאַר איהר וועלען מיר זיכער ניט קריגען.

אונזער אָקזילערי טרעזשורער, פעני מילער. זי איז איינע פון די ערשטע מיטגלידער פון דער אָקזילערי. זי איז פאַר דער גאַנצער צייט טעטיג אויף אַלע געביטען. מיר קענן זיך ניט פאָרשטעלען אַן אונטערנעמונג אָהן שוועסטער פעני מילערקומט צו אַלע פאַרזאַמלונגען און באַטייליגט זיך אין אַלע טעטיגקייטען פון פאַראיין און אָקזילערי.

צום שלוס, קען איך ניט אויסלאָזען פון דערמאָנען די נעמען פון איינינע פון אונזער מעמבערס, וועלכע זיינען אין דער עקזעקוטיווע און נעמען אַן אָנטייל אין אונזערע אַרבייטען. און מיר וועלען אָנ־פאַנגען ווי געוויינטליך, „לײדיס פּױרסט״ — רייזעל דזשייקאבס, זעהר אַ טעטיגע מעמבערין פון דער אָקזילערי, טראָץ איהר שוואַכען געזונד, קומט זי צו יעדען פערזאַמלונג, העלפט אין אַלע אונטערנע־מונגען. זי צייכענט זיך זייער אויס אין דער קונסט פון קאָכען און באַקען. דער טעם פון איהרע פיש און אַנדערע מאכלים וואָס זי גרייט צו, צו אונזערע אונטער־נעמונגען ליגט מיר נאָך אין מויל. — שווייגענדיג, און בנעימות'דיג, איז זי אַזוי ווי אַ געטרייע מוטער צו דער לײדיס אָקזילערי.

אונזער עקזעקוטיוו מיטגליעד ענדעל וויינבערג איז אימער געווען און איז איצט אויך טעטיג אין דער אָקזילערי, געווען איז זי פאַר אַ צייט אַלס האָספּיטאַלער און האָט דערפיהלט איהרע פליכטען אַ הונדערט פּראָצענט. לעצטענס פיהלט זי זיך שוואַך אין געזונד, דאָך קומט זי צו פערזאַמלונגען, העלפט צו יעדען אונטער־נעמונג, אונזער וואונש צו איר איז, אַז זי זאָל זיין געזונד און קענען פיל טאָן. ווייל דאָס איז ביי איהר אַ גרויסער פאַר־גענינגען.

פון די מענער — מיישעל וויינבערג, אַ חשוב'ער מיטגליעד אין אונזער פאַר־איין, וועלכער איז טעטיג אויף אַלע גע־ביטען, ווען מען דאַרף אַרויספאָהרען צו די לאַנדסלייט, מאַכען קאָלעקשאָנס איז ער און זיין מאַשין אימער צום דינסט. ביי די מיטינגען איז אַ פאַרגעניגען צו הערן זיינע לאָגישע פאַרשלאַגען און זיינע אינטעליגענטע רעדעס. ער איז ווירקליך אַ "סטאָלץ" פאַר אונז. ער קומט צו אַלע מיטינגען און נעמט אויך אַן אָנטייל ביי דער עקזעקוטיווע מיט אַלעם וואָס ער קען.

אייב מילער, איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון פאַראיין די גאַנצע צייט געהאָלפען אין אַלע טעטיגקייטען, איהם קומט דער קרעדיט פאַר דער סעמעטערי וואָס מיר האָבען געקויפט. זיין צייכענונג פאַר דעם טויער וואָס ער האָט געמאַכט באַשיינט אונזער סעמעטערי. ער איז גע־

ווען דער יעניגער וואָס האָט געמאַכט דעם פאַרשלאַג צו קויפען די סעמעטערי. אַמ־מערסטען איז ער ביי אַלעמען באַליבט מיט זיינע פּאָעמען און לידער און מעשה'לאַך וואָס ער לייענט פאַר אַלע מאָל ביי אונזערע מיטינגען און אונטערנעמונ־גען, ליידער איז ער די לעצטע פּאָר יאָהר קראַנק און קען ניט קומען רעגעלמעסיג צו אונזערע מיטינגען, ווען מיר האָבען אים איבערגעגעבען דאָס מיר געהען פייערען אונזער 25־יאָהריגען יובילעאום און מיר דאַרפען זיין הילף, האָט ער מיט פאַרגע־ניגען זיך גענומען צו דער ארבייט און העלפט אַרויסגעבען דעם סאָוועניר. און מיט זיין טאַלאַנט און וויסען באַשיינט ער אונזער סאָוועניר מיט זיינע בייטראַ־גונגען. מיר ווינשען איהם ער זאָל זיין געזונד און קאָנען ווייטער אונז העלפען אין אונזער טעטיגקייט און דערלעבען צוזאַמען מיט אונז זיך באַטייליגען אין דעם 35־טען יובילעאום. מיר וואָלטען נאָך וועלען דערמאָנען נאָך פון אונזערע טע־טיגע מיטגלידער, אָבער אַזוי ווי אונזער פּלאַץ איז באַשריינקט, וועל איך זאָגען אַזוי פיל, דאָס אַלע צייכענען זיך אויס מיט זייערע טעטיגקייטען און אָפּערווי־לינגקייט. איצט פאַרשטייט איהר שוין, פאַרוואָס אונזער פאַראיין און אוקזילערי האָט געמאַכט אַזאַ ערפאָלג פאַר דער צייט וואָס מיר עקזיסטירן. פאַרשטייט זיך דאָס מיט אַזעלכע אָפּיסערס און סאָלדאַטען בין איך טאַקע שטאָלץ און עס איז גוט צו זיין אַ פּרעזידענט אין אַ פאַראיין וואָס האָט אַזעלכע אינטעליגענטע מיטגלידער.

---

ווען מען זאָל צופּאַסען קליידער צו די נשמות, וואָלטען מיר אפשר געהאַט די קלענסטע מלבושים.

* * *

קיינער האַלט ניט אַזוי פון אַ שלעכט אויג ווי אַן אויגען דאָקטאָר.

# סאָסייטיס ווערטער בוך

פּרעזידענט — אַ איד וואָס זיצט אויפ'ן בענקעל און קלאַפּט מיט'ן האַמער. (און איז חלילה קיין שוסטער)

וויס־פּרעזידענט — אַ בעאַמטער מיט אַ סך מאַכט און אָהן אַ אמט.

פינאַנס סעקרעטער — אַ בעל חשבון וואָס שרייבט אַ סך און רעדט ווייניג

פּראָטאָקאָל סעקרעטער — אַ טאַ־לאַנטפולער פאַרלעזער פון אייגע־נע פאַרפאַסונגען.

טרעזשורער — אַ שומר חנם. היט דער סאָסייעטיס געלד אָהן באַצאַלט.

טראַסטיס — מענשען וואָס שרייבען אונטער פרעמדע טשעקס.

אינער־וואַכע — אַ בעאַמטער וואָס האָט די גאַנצע מאַכט איבער דער טיר פון דער סאָסייטי.

אַדווייזערי באָרד — דער מיניסטאַרען קאַבינעט פון דער סאָסייעטי.

אַקטיווע מעמבערס — ברידער וואָס קומען תמיד צו די מיטינגען און רעדען אָפט איבער וואָס אַנדערע האָבען שוין גערעדט.

פּאַסיווע מעמבערס — ברידער וואָס קומען צו די מיטינגען נאָר דאַן, ווען עס פעלט אויס צום מזומן.

קאָנסטיטושאַן — אַן אַלטער, אויסגע־דראָשענער איבערגענוצטער מאַ־נוסקריפּט.

אַ פאַרשלאַג — אַ נייע לאַטע אויף אַן אַלטען בגד.

אַמענדמענט — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע

## דער איד און די ציוויליזאַציע

פון אב. מיללער

1

יארען ציען, יארען פליען
יאהרען הונדערטע איז שוין אוועק
נייע צייטען, נייע לידער
צו די אידישען ליידען, ניטאָ קיין עק.

2

איבעראל איז דער איד אין גלות
ניטאָ פאר אים קיין טרויסט ווארט,
געיאָגט און פארפאלגט אין אלע לענדער
פאר דעם איד איז נישטאָ קיין אָרט.

3

דער אנטיסעמיטיזם האָט זיך
צופלאקערט
אין דער גאנצער וועלט,
גרויס אין די אויגען איז דער איד
באזיצט ער ווירקלאך דאס גאנצע געלט?

4

דעם אידען טוט מען טרייבען
מיט א בייטש ווי א פערד;
אלע פעלקער אויף זייער אָרט בלייבען
ווייל דאס איז זייער ערד.

5

דער איד בויט א סוכה אין אלע לענדער
ער דיינקט דאָ וועט ער שוין זיצען
ב ל י י ב ע ן
מען זאגט אים באלד, ער איז א
פ ר ע מ ד ע ר
נעם דעם שטעקן, מען דארף דיר טרייבען.

6

דער איד איז דער לייטער, ווען מען
דארף בויען
דאן איז מען מיט אים פריילאך מונטער.
ווערט נאר פארטיק די געביידע,
אין קעלער טראגט מען אים ארונטער.

7

צעהנדלינגע יאהרען האבען אידען
געבויט אמעריקא און ארגענטינא,
געהאקט שטיינער, געמאכט וועגען
אין דער ווילדער פאלעסטינע.

8

די בליקען פון דעם שונא
טוט דעם אידען טיף שטעכען
די געביידע איז שוין פארטיג
דעם לייטער קען מען שוין צוברעכען.

9

מען פערטרייבט איהם אין דער געטהאָ
אויפ'ן פלייצע א געלע לאטע,
ביסטו א גרעסערער מיהוס?
ווי דיין זיידע אָדער טאטע?

---

## ניט מעהר ווי אַביסעלע שפּאַס

ווען אַ מעמבער בעט דאָס וואָרט ביים טשערמאַן, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער ווייסט וואָס צו רעדען.

* * *

ווען אַ טשערמאַן קלאַפּט מיט דעם האַמער, און איז בייז ווי אַ רוח, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער איז אַ גוטער טשערמאַן.

* * *

ווען אַ מעמבער שטופּט זיך נאָר, אַז ער וויל זיין אין אַלע קאָמיטעס, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער איז אַזוי געטריי דער סאָסייעטי.

* * *

ווען אַ מעמבער פּאַסט אויף אַז עס זאָל חלילה קיין שווינדעל ניט פּאָרקומען, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער אַליין איז אַזוי כשר.

* * *

ווען אַ מעמבער קומט צו מיטינגען און זיצט און שוויגט, מיינט עס נאָך ניט אַז ער איז מיט אַלעם איינפאַרשטאַנען.



**אפיסערס און עקזעקיוטיוו פון ערשטען קרינקער פרויען פאראיין**

ערשטע רייהע, פון רעכטס צו לינקס: — פעני מיללער, חאנע דזשייקאבס, חיענקי גרינבערג, רבקה גארפיעלד, מאשע רובין. צווייטע רייהע — סערא גילל, גאלדע שניידער, רייזעל דזשייקאבס, חנה טערקעל, ענע וויינבערג.

# צו וואס קריניק האט געשטרעבט און וואס זי האט דערלעבט . .

פון
**אב מיללער**

געשטרעבט צו זיין פריי,
ניט האָבען מעהר קיין צאר;
צורייסען די קייטען פון שקלאפעריי,
ניט האָבען מעהר קיין האר.

דער לאנגער חלום
איז פארווירקליכט געוואָרען,
עס האָט אָבער גענומען
צעהנדליגער יאָהרען.

מיין רעוואָלוציאָנערע ברימטע שטעטעל
דו ביסט שוין אויך בעפרייט;
דער זכות פון דעם מארטירער בעטל,
כאָטש, דו ליגסט אָהן א זייט.

דיין נאָמען האָט אָבער געקלונגען,
ווייט אין דער פאבריקאציאָנס וועלט;
די פרייהייט מיט לידער האָסטו באזונגען,
אָפּשאפען צאריזם און געלט.

א פאנטאזיע א גאנץ שעהנע
האָבען מיר קרינקער געוועבט,
מיר לאנדסלייט פון דער
שטעטעלע די קליינע
האָבען נאָך די פרייהייט דערלעבט.

אָפּגעשאפט דעם אַלטען יחוס
דער אָרעם, דער רייך,
די קינישינסקעס און וואשווילעס
זיינען אַלע איצט גלייך.

ניט הערען מער "פשאקרעוו זשידזשע"
אַלע בירגער פון איין מאַמען.
אַלע מענשען גלייכע חברים,
איינער דעם צווייטען ניט פארדאמען.

ברייט געעפענט אַלע טיהרען,
פון שולעס און אוניווערזיטעטען.
עס וועט ניט זיין א געטאָ באנק,
פאר אנדערע נאציאָנאַליטעטען.

פארמאכט אַלע חסידים שטיבלאך,
סלאָנימער, קאָצקער און קאָברינער,
לעבען זאָל דער סטאַלינער רבי
גרעסער פון נאָווע־מינסקער און קארלינער.

דאלאָי די טיטולען דוקסון און הארען,
באראָנען, גראפען,
אוים שליאכטע, אוים יחסן
ווילסטו עסען מוזטו שקלאפען.

ניטאָ מעהר קרעמער, שטעקעל דרייער,
שדכן, בדכן, פאבריקאנטען,
קאָמיסיאָנערען, שאכער, מאכער,
קעסט קינדער, פוסטע פראנטען.

ארבייטען וועט זיין א יחוס,
ליידיג געהן וועט זיין א בושה,
ניטאָ מעהר ווארטען,
ניטאָ מעהר האָפען
אויף א פעטער ירושה.
דער איד וועט קענען איצט שעכטען

פאר דעם פאָליאק מעהר קיין מורא,
אַלע וועלען מוזען לערנען שחיטה
פון רבי סטאַלינס תורה.

ביים פאָליאק די וואָנצען ארונטער
שוין ניט מעהר קיין האָן,
דערלעבט צוריק די אַלטע צייטען
ליגען ביים רוס פאדקאזאדיקאם

צו רייסען בערד און שניידען פאות
און ווארפען אידען פון די וואגאָנעס
געבליבען אָהן שטאך מלאכה
אויפ'ן פאָליאק פשוט א רחמנות.

ווי די מויז אונטערען בעזום
ליגט דער פאָליאק איצט א צינדער
ווי אין די אַלטע גוטע צייטען
פאשעטער ווידער שאָף און רינדער.

# כוס של ברכה

פון מאקס סמיט

קומט אלע שוועסטער ברידער
זינגען אין א כאהר;
א גרויסע שמחה ווידער
פייערן אונזער פרעזידענט 24 יאהר.

לאמיר טרינקען פון פולען בעכער
גיסט שוועסטער, ברידער גוט אריין;
פון א סך פאראיינען מיר שטעהען העכער
בלויז ביי אונז א פרעזידענט
קען 24 יאהר אפזיין.

מיר אלע קענען שטעט גאר גרויסע
דאך טוען ווייניג ארבייט גוטע
אויף א מינוט, פאטריאטען הייסע
און ווילען ניט געבען אן אייגענע פרוטה.

אונזער פרעזידענט זאגט, זייט מוחל
צו קאלעקטען איז א מייסטער
אביסעל נוצט ער שכל
נאך מעהר זיין טייסטער.

אזעלכע מענשען צו געפינען
מוז מען זוכען לאנג, און ווייט
אין א וועלט פון טייפלישע מאשינען
אין א סטאלין־היטלער צייט.

דערפאר, ברידער זאל זיין פריילאך
שרייבט עס צו אלס א גרויסער נס,
אז א דיקטאטאר א מלך
זוכט ארייצוברייגען פראגרעס.

אז יע גוט רייען, לויב־ווערטער זאגען
טרינקט ניט ווי דער גוי;
א מוטער א גוטע, איהם געטראגען
זיין גוטע ארבייט העלפט מיט זיין פרוי.

גיסט נאך אמאל אן דעם כוס
פאר'ן פרעזידענט'ס וויב,
איהר מעגט אויך טרינקען אהן א מאס
מיט נאך פיער שורות איך פערבלייב.

נו, לאמיר טרינקען צו זייביידען
אפגעבען עהרע צו דער פאר;
זיי זאלען אויסלעבען אין נחת, פרידען
מיט גאט'ס ברכה, אויך לאנגע יאהר.

---

א איד איז ערגער ווי א הושענא. א הושענא שלאגט מען אב און מען לאזט זי איבער אויפ'ן ארט, און א איד'ן שלאגט מען און מ'טרייבט איהם ארויס.

---

## אן אוקאז איז אן אוקאז

א רוסישער גענעראל האט איינמאל בעזוכט א פאלק פון זיינע סאלדאטען און האט זיי געפונען זעהר ניט אין א ריינעם צושטאנד. האט ער זיי געגעבען א באפעל אז זיי זאלען איבערבייטען זייערע אונטערוועש.

מיר האבען ניט קיין אנדערע וועש האט ער פאלקאווניק איהם געענטפערט.

קיין אויסרייד. איהר מוזט טהאן ווי איך הייס אייך! האט דער גענעראל אויסגערופען — זאל יעעדר סאלדאט זיך בייטען די וועש מיט'ן אנדערען.

---

דעם ארימאן האלט מען שמוציג, אפילו ווען ער באוואשט זיך מיט טרערן.

## ער ווייסט אליין

באלעבאסטע (צום בעטלער) —
קומט ניט בעטלען אין דער צייט פון דינער.

בעטלער: — איהר האט געלערנט ווי צו מאכען געלד, אבער ווי צו בעטלען דארפט איהר מיך ניט לערנען.

* * *

ווען איינער זאגט צום אנדערן:
„זיי נישט קיין נאר!" איזנאך דערפון נישט קיין ראיה, אז ער איז א חכם.

* * *

ווער עס רעכענט אז מיט געלד קען מען אלעס מאכען, איז אויך פעהיג פאר געלד אלעס צו טאן.

# איינּיגע שטריכען פון אונזער פּרעזידענט הײמאַן מילער

## אָפּשאַצונג



הייימאַן מיללער, פּרעזידענט

---

פון די 25 יאָהר וואָס דער קרינקער פאַראיין עקזיסטירט, איז היימען מילער 24 יאָהר פּרעזידענט. פרעגט זיך אַ פראַגע איז ניטאָ אין פאַראיין אַ צווייטער, וועל־כער זאָל קאָנען איבערנעמען זיין אמט? און דער ענטפער מוז זיין אַ נעגאַטיווער. און די מיטגלידער ווייסען דאָס און שאַ־צען אָפּ זיין אַרבייט. זיי זיינען איבער־ציינגט, דאָס זיי וועלען אַזאַ טיכטיגען און איבערגעגעבענעם מענשען ניט קריגען. ווייל דער פאַראיין האָט זיך גענויטיגט אין אַ פּרעזידענט וואָס זאָל ניט נאָר פיהרען די פערזאַמלונגען, נאָר אויך פאַר פאַרשידענע אַנדערע אַרבייטען און דיפּ־לאָמאַטישע אָנגעלעגענהייטען.

ער איז דער גענעראַל און פּראָסטער סאָלדאַט, און אויך אַליין דער אַמיונישאָן מאַכער. דאָס הייסט דער שאַפער פון די מיטלען, און גיט אַליין אויך שיינע ביי־שטייערונגען צו אַלעם וואס דער פאַר־איין האָט אונטערנומען. צו העלפען קרינקער בפרט און פאַר אַלע אידישע אַנ־שטאַלטען בכלל, אפילו זיין קאַר איז אימער געשטאַנען אין דער דינסט פון פאַראיין; ניט רעכענענדיג די פאַרברויי־כונג פון 'געז' און 'אָיל'.

ער האָט צוגענמען גענוג באַליידיגונג און אויסגעשטאַנען פאַרשידענע גרינג־שעצענדע באַנעמונגען פון מעמבערס און לאַנדסלייט, אָנרופענדיג איהם מיט'ן נאָמען דיקטאַטאָר. ס'געדיינקט זיך אַן אינצידענט — דאָס איז געווען אין יאָהר 1925, ווען ער איז געווען אַ חולה מסוכן דורכמאַכענדיג אַ שווערער אָפּעראַציאָן אין ראַטשעסטער, איידער ער איז געפאָ־רען אין ראַטשעסטער האָט איהם אַ היגער ספּעשיאַליסט, אַ באַרימטער דאָקטאָר, פאַראָרדענט צו געהן גלייך אין האָספּיטאָל איז געווען זיין ענטפער דאָס ער האָט איצט קיין צייט צו געהן אין האָספּיטאָל. ווייל.... עס איז געווען פּורים צייט און

און האָט געדאַרפט אַרויספּאָרען זאַמלען מעות הטים פאַר קריניק. זיין איבערגעגעבנהייט צום פאַראיין איז געווען אַזוי שטאַרק דאָס ער האָט פאַרקוקט זיין געזונט־צושטאַנד.

ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט, וועגן די אינטערעסען פון דער אַלטער היים.

נאָך אַ פאַל, מיט אַרום 5 יאָהר צוריק, זייענדיג אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר זיין וואַקיישאָן. האָט ער ניט פאַרגעסען אָן די קרינקער און האָט אוועקגעגעבען זיין צייט און ענערגיע צו גרינדען דאָרטען אַ לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין.

עס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע זיינע אויפטואונגען און פאַרדינסטען פאַר'ן קרינקער פאַראיין. זיין רעקאָרד איז אַן אָפענער בוך פאַר אַלע לאַנדסלייט. מיט זיין אָרענטליכקייט און איבערגעבענהייט, אויך מיט זיין פּראַקטישקייט און ביזנעס פעהיגקייט און מיט אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט אין זיך האָט ער זיך איבערגעבען צו דער טעטיגקייט פון קרינקער פאַראיין.

עס לאָזט זיך ניט צו פאַרמיידען דערמאָנען די צייט ווען מיר האָבען פערהאַנדעלט וועגן קויפען אונזער סעמעטערי; קאָנען מיר גאָר אָפּשאַצען די ווערדע פון זיין אַרבייט און צייט וואָס ער האָט אוועקגעגעבען צו פאַרווירקליכען דעם קויפען פון דער סעמעטערי. און אַז מיר האָבען געקויפט די סמעטערי, און עס איז אָנגעקומען דער קריזיס, און מיר האָבען געדאַרפט מאַכען די צאָהלונגען און מיר האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט וואָס פאַרא קאָפּ־דרייעניש און עגמת נפש ער האָט דורכגעמאַכט ביז ער פלעגט שאַפען די צאָהלונגען.

אויך דערמאָנענדיג זיין גרויסען יום־טוב און שמחה ווען מיר האָבען געפייערט די צערעמאָניע פון פאַרברענען דעם סעמעטערי מאָרטגעדש איז אומבאַשרייבליך.

אין זיין פערזענליכען לעבענס־אַנשויאונג איז ער אַ פרייער סאָציאַליסט, און ראַדיקאַל. אַנדערע האַלטען איהם פאַר אַנאַרכיסטיש געשטימט, אָבער אין דעם ליגט דער סוד פון זיין דעמאָקראַטישע פיהרונג, און אין זיין טאָלעראַנץ.

און צוליב זיין איבערגעגעבענהייט צום פאַראיין מאַכט ער פילע מאָל קאָמפּראָמיסען מיט זיינע פּרינציפּען. ער שטרעבט אימער אויפצוהאַלטען די פאַראייניגונג פון אַלע קרינקער לאַנדסלייט פון שיקאַגאָ אין דעם קרינקער פאַראיין בכדי דער פאַראיין זאָל זיין ערפאָלגרייך אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען לטובת די אָרימע און נויטליידענדע פון דער אַלטער היים. אַ דאַנק דעם, האָט אונטער זיין פיהרערשאַפט דער פאַראיין זיך ערוואָרבען אַזאַ שעהנעם נאָמען. און איצט, ווען מיר פייערען דעם 25־יאָריגען עקזיסטענץ פון קרינקער פאַראיין, דאַרפען מיר אויך פייערען די 24־יאָהריגע פיהרערשאַפט פון היימען מילער, אַלס אונזער פּרעזידענט. און מיר ווינשען איהם ער זאָל זיין געזונד, קערפּערליך און גייסטליך, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, און מיר זאָלען אַלע דערלעבען קורצליך צו פייערען זיין 60 יאָהריגען געבורטסטאָג, אויך די שמחות פון די מפּלות פון אַלע היטלערס, מוסאָלינים און אַנדערע שונאי־ישראל, און מיר, אַלע צוזאַמען, זאָלען דערלעבען די גליקליכע צייט פון אַ פרייער געזעלשאַפט, געבויט אויף די יסודות פון טאָלעראַנץ און גערעכטיגקייט. דאָס איז מיין וואונש און זיכער אויך דער וואונש פון אונזער אַלעמענס באַליבטער פריינד און חבר ה. מילער.

איך פאַרענדיג מיט דעם אויסרוף —
"לאַנג לעבען זאָל דער קרינקער פאַראיין מיט אונזער פּרעזידענט, היימען מילער!"

דיין פריינד און חבר

# וואס די לצני הדור זאגען

פון אַן אייגענעם

אונזער פּרעזידענט, ה. מילער, לערנט אונז אַ לעסאָן, דאָס מעהר ווי צוויי טער־מינען פאר א פּרעזידענט איז ניט אזוי שעדליך, ווי אַנדערע פּאָליטישענס ווילען האָבען.

פון אונזער לידיס אוקזילערי פּרע־זידענט, ענא גרינבערג, קען מען לערנען, דאָס פּאָליטיקס און דיפּלאָמאסי געהען ניט אימער האַנד און האַנד.

איינע פון די אורזאכן וואס דוד זעל־קאף איז אזוי באהאווענט אין יעדען כא־ראקטער שטריך פון דעם קרינקער פּאַר־איין איז וואָס ער איז א רעגולאר ״יוצא ונכנס״ אין פאראיין . . . און די וועלט זאָגט א ווערטעל, א גאסט פאר א וויי"ל און זעט פאַר אַ מייל . . .

עס קען זיין, דאס אונזער פינאנס סעקרעטאר מייער דזשייקאבס שרייט ניט אזוי הויך ווי אונז דאכט זיך. צוליב דער טויטער שטילקייט פון טשאפּעל אונטען, קלינגט אפּ זיין שטימע העכער פון אויבען, אין אנקלאנג מיט פּראפע־סאר זיגמונד פרויד׳ס לערע. איז דאָך א פראגע, פארוואס האָט דאָס ניט די זעלבע ווירקונג אויף א ו נ ז ע ר פּרעזידענט׳ס שטימע וואָס צייטענווייס הערט מען אים גאָר ניט? בלייבט א קשיה.

ס׳איז דאָ א ״יש אומרים״ דאָס וואָס חיים טיקאָצקי האָט לעצטענס אויפגעהערט צו באזוכעז פערזאמלונגעז איז צוליב דעם וואָס זיי פיהרען זיך ניט אין דעם ריינעם אידיש־רעליגיעזען גייסט.

לצים זאָגען, די אורזאכע וואָס ה. וויינבערג באטייליגט זיך ניט דיזען מאָל אין אונזער ליטעראַרישען אָפּטיילונג איז צוליב זיין גרויסען ערפאָלג מיט זיין ״ערשטען סטרייק״ האָט ער באשלאָסען צו סטרייקען א צווייטען מאָל מיט דער פּרעס־קאָמיטע, און משה׳לע וויינבערג אַלס ברודער איז מיט איהם אַרויס אין סימפּאטי־סטרייק.

פילע מעמבערס, ווי ידידי ה. מייערס, דזשוליוס לידער, דזשייק פּאָלאַק און אַנ־דערע, האָבען טענות צום קרינקער פּאַר־איין הלמאי ער פערנאַכלעסיגט דער סע־מעטערי. מיר האָבען צו זיי א מעהר גע־רעכטע טענה, הלמאי זיי פערנאַכלעסיגען דעם קרינקער פאראיין.

דארף מען האָבען א מעהר גוטהער־ציגען מענשען ווי אונזער וויס־פּרעזידענט מאַקס דזשייקאָבס? ער איז דער שטענדי־גער פּאַרשלאַג־מאַכער, גוט צו הייסען דעם פּראָטאָקאָל, אפילו ווען ס׳איז דאָ קאָרעקשאָנס צו מאַכען. און דער אַמענד־מענט־מאַכער צו העכערען די בייזשטייע־רונגס־סומען צו וואוילטעטיגע צוועקען אפילו ווען ס׳איז ניטאָ קיין דאָלאר איז דער טרעזשורי.

נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט, ווי שווער עס איז צו אַריינקריגען דער קרינקער־יוגענד זיך צו ענליסטען אין דעם פּאַר־איין דינסט, וואלט פיליכט געווען א פּלאַן, איינפירן „קאנסקריפּשאן״ דרעפּ־טען יעדען קרינקער פון 21 יאָהר און העכער?

ביז וואָס . . . ווען, איז געוויס ניט קיין קרומע זאַך צו רופען צוריק צום אַקטיווען פאראיין־דינסט אונזערע אָפּ־געשטאַנענע גרינדונגס־סטעף גענעראַלען. אויפמערקזאם, ברודער אב. מילער!

אז אונזערע אַלטע גוואַרדיע קענען נאָך לייסטען ממשות׳דיגע דינסטען צו אונזער סאָסייעטי, קען מען נעמען א

ביישפּיל פון אונזער טרעזשורער, משה טיקאָצקי.

ס'הערט זיך מאחורי־הפּרגוד, די אורזאכע וואס פון אנפאנג האָט דאָס צוזאמען־מיטען פון פאראיין און אוקזילערי געהאט אזא גוטע ווירקונג צו מאכען די פארזאמלונגען מעהר באזוכט. און לעצטענס איז דאָס אָפּגעשוואכט געוואָרען, איז ווייל אונזערע ליידיס ווערען עלטער?

סאיז דאָ א מיינונג, דאָס אונזער גמלת־חסדים סעקרעטערי, שוועסטער מאשע רובין דארף באַלוינען דער סאָסייעטי פאַר דעם אמט, ווייל א דאַנק איהר אָנשטרענגונג און די קערפּערליכע איבונגען וואס זי קריגט טרעוולענדיג א ווייטע שטרעקע צו די פארשידענע פ א ר ז א מ ל ו נ ג ע ן אין פארבינדונג מיט איהר אמט, האלט זי נאָך אָן איהר שעהנעם, יונגען „שעיפּ" און קוקט אויס ווי א „סוויט סיקסטין".

ס'איז דאָ א „יש אומרים" דאָס אונזער אוקזילערי סעקרעטערי, שוועסטער רבקה גאַרפילד, האָט אויך צו פערדאנקען איהר שעהנעם "שעיפּ" צו דער ליידיס אוקזילערי, מיר גיבען איהר אויך גענוג עקסערסאיז. . .

לצים זאָגען, די אורזאכע וואָס עס קומט לעצטענס אָן אזוי שווער צו ווירקען אויף שוועסטער ענא גרינבערג אז זי זאָל אָננעהמען דעם אמט פון ליידיס אוקזילערי פּרעזידענטין איז, ווייל זי איז געוואָרען אן אָנהענגערין פון וואשינגטאָן און דזשעפערסאָן . . . "נאָ מאָר דען טהו טוירמס פאַר א פּרעזידענט."

---

א גאנצע וועלט וואלט מען געקענט גליקלאך מאכען מיט דעם גליק, וואס געהט געווענלאך אומבאנוצט פארלארען.

* * *

דאָס גוטע געדענקט זיך לאַנג, דאָס שלעכטע — נאָך לענגער....

# קריניק מיין געבורט שטעטעלע

פון אייב. מיללער

איך בין שוין פון דיר לאַנג אוועק
פארגעסען ציילען וויפיל יאהרען;
מיין קליין שטעטעלע, דו לעבסט—
נאך ביז איצט אין מיין זכרון.

---

ווער ווייסט ווי איצטער זעהסטו אויס
דיין מארק מיט קראָמען אין דער מיטען?
דיין שוהלהויף מיט די קיה און ציגען
ווער ווייס ווי דו האָסט זיך אומגעביטען ?

---

שישלעוויצער גאס, דער שעהנסטער פּלאַץ
וואו שבת פלעגט מען געהן שפּאצירען
און יונגע פּאָרלאך שטילערהייט
דאָרט פלעגען זייערע ליבעס פיהרען.

---

דיין שמאָלער טייך, וואס פרילינג נאָר
פלעגט שעהן און ברייט זיך צוגיסען,
און בעלי בתים פלעגען דאַן
מיט שטאָלץ אים קומען געריסען.

---

דיינע חסידים־שטיבלאך מיט די טענץ
מיט זמירות און געזאנגען;
ווי גוט מיר האָט זיך דאָרט געטרוימט
אין הארציג־זיסער באנגען.

---

ווי וואלט איך איצט דיר וועלן זעהן,
די וויעג פון מיינע יונגע יאהרען;
ס'האָט ניט די וויט און ניט די צייט
דיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון.

---

אז וועה איז דעם מאן וואס פארלאזט זיך אז זיינע קינדער וועלען איהם העלפען.

# לאַנדסלייט-יובּיליי

צום יובּיליי פון דער סאָסייעטי
פון לאַנדסלייט בין איך געווען,
מיין ליבע שטעטעלע, די ווייטע
האָב איך פאַרזאַמעלט דאָ געזעהן.

עס איז געווען ווי אַ וואונדער
עס איז געווען ווי אַ טרוים;
געוואָרען גרויס, פון דאַן די קינדער,
די עלטערע דערקען איך קוים.

די שעהנע מיידעל, באַשע-רבקה
געוואוינט פון אונז די צווייטע הויז;
די האָר פאַרקאַמטע אין אַ גריוועקע
פלעגט זי פאַרנאַכט פון הויז אַרויס.

דאָך קען איך זיך נאָך איצט דערקענען,
זי שמייכעלט ליעב, נאָך ווי אַמאָל;
און רופט מיך אָן ביים ערשטען נאָמען
און היימיש קלינגט אויך דאָ איהר קול...

באַלד הויבען אָן זיך טענער וויגען
ס'האָט די קאַפּעליע זיך צעשפּיעלט;
מען שפּיעלט אויך דאָ נאָר יענעם ניגן,
וואָס האָט דאָס הארץ
מיט פרייד דערפיהלט.

דער פידלער איטשע, אויך
דאָ דער בעסטער
און מאָטיע שפּילט נאָך אויף דעם פלוט,
דאָס איז דער היימישער אָרקעסטער
וואָס אונז דערפרייען איז נאָך גרייט.

עס פעלט נאָך אַרע מיט זיינע גראַמען
דאַן וואָלט די שמחה געווען פאַר פול,
עס פעלט דער טאַטע מיט דער מאַמען
דער קאַווקאַזער בית-המדרש
און די שוהל.

---

ווען אַ מעמבער איז ביי זיך שטאָלץ און גלויבט אַז ער איז אַן עקספּערט אין די ביכער, מיינט דאָס נאָך ניט אַז ער קען זיין אַ סעקרעטאַר.

## די דיקטאַטאָרס

פון אב. מיללער

אָט די פּאָר דיקטאַטאָרס
איהר אַלע קענט זיי גוט,
האָבען זיך פערמאָסטען,
צו דערטרינקען
גאַנץ אייראָפּאַ אין בלוט.

זיי ווילען פערבלייבען
אין דער געשיכטע
מעג אַלץ געהן מיט פלאַמען,
וואָס גיבען זיי דערום
וואס אַלע מענשען זיי פארדאַמען

פיליכט איז דאָס שוין די גאולה
זיי מאַכען חרב די אַלטע וועלט
וועט ווירקליך זיין אַ פעולה?
אפשאַפען גרענעצען און געלט?

מען קען אויסשלאַכטען די מענשען
צונעמען די געלט,
חרוב מאַכען די הייזער
די וועלט, בלייבט וועלט.

די צווייטע דור הפלגה
צומישט ביי זיי די מוחות
זיינען זיכער מיט אַ זיג
מיט די איבערנאַטירליכע כחות.

אַנשטאַט די פעלקער, זאָלען זיין אין גלות
פארזוכען די קיניגע איצט דעם טעם,
אום צו בויען אַ נייע וועלט
פיליכט בעצאָלט זיך אָט דער טאַראַראַם.

אַלע קעניגע פון אייראָפּאַ
זעגענען זיך מיט זייער קרוין,
אויב זיי וועלען אויף זיי
אַמאָל אַ קוק טאָן
וועלען זיי מוזען אין מוזעאום געהן.

עס וועט מער ניט זיין קיין שנאה
אַלע קינדער פון איין מאַמען,
דער וואָלף און די שעפּס
וועלען זיך פוטערען צוזאַמען.

# א באַגריסונג

פון פינאַנס סעקרעטאַר

# מייער דזשייקאבס



מייער דזשייקאבס

מיין פאַרגעניגען וואָס איך האָב, אין מיין באַגריסען אייך צו אונזער צוויי־פאכן יום טוב, איז מיין פעדער צו שוואך אויסצודריקען.

אַלס פינאַנס סעקרעטאַר האָב איך, דורך די 15 יאָהר, וואָס איך דין דעם קרינקער פאַראיין, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו קאָנען אַלע אונזערע מעמבערס און לאַנדסלייט, קומענדיג אין נאָענטע בעריהרונג מיט זיי, ניט נאָר ביי די מיטינגען, נאָר אויך ביי אַלע אונטער־נעמונגען און אויך ביי געלד זאמלונג פאַר'ן פאַראיין. אַלע מאָל האָבען מיר די לאַנדסלייט אויפגענומען ניט ווי א קאָלעקטאָר נאָר ווי א לייבליכען ברודער. דעריבער קען איך איצט קומען צו אייך אָפיסערס, מעמבערס פון קרינקער פאַר־איין און לײדיס אוקזילערי און זאָגען, זייט געגריסט צו אונזער אַלעמענס שמחה און גרייסען יום־טוב, אַז מיר האָבען דערלעבט פייערען אונזער 25־יאָריגען יובילעאום און איך האָף אַז מיר אַלע וועלען נאָך דערלעבען פייערען דעם 50־יאָריגען יובילעאום.

אויך איז מיין וואונש, אַז אַלע מעמ־בערס פון פאַראיין זאָלען פון היינט אָן און ווייטער צוליינען א האַנט אין דער ארבייט און ניט שטעהן פון ווייטען און לאָזען די אַרבייט אויף א קליינער גרופּע מעמבערס.

מיט ברודערליכען גרוס און דאַנק, פאַר דעם צוטרוי און אויך די עהרע צו זיין דער סעקרעטאַר פון מענער פאַראיין און אויך סעקרעטאַר פון סעמעטערי דע־פּאַרטמענט.

מאַיער דזשייקאָבס

* * *

גיט אָפּ כבוד דעם אַלטען, ער האָט אויסגעטראָטען די וועגען אויף וועלכע דו געהסט איצט.

* * *

אינ'ם חלום'ן וועגען דער צוקונפט, פאַרשלאָפט מען געוועגלאך די געגענ־וואַרט..

* * *

חרטה האָבען הייסט נישט צוגעבען צו דער באַגאַנגענער נאַרישקייט א פרישע.

אַז דו וועסט אויף זיך ניט אכטונג געבען, וועסטו זיך אליין פאַרלירען און זיך אפשר מעהר ניט קענען געפינען.

* * *

עס איז ניט וויכטיג וויפיעל פריינד דו האָסט, נאָר וויפיעל דו האלסט וויר־קלאַך פאַר אזעלכע.

## באַגריסונג

פון מר. און מרס. סעם גרינבערג



מיר באגריסען דעם קרינקער פאראיין צו דעם 25 יאהריגען יובילעאום אויך דער לײדיס אוקזילערי צו איהר 20 יאריגען יובילעאום.

ווערטהע שוועסטער און ברידער פון אונזער פאראיין—

מיר האָבען ניט קיין ווערטער זיך אויסצודריקען און אייך דאנקען פאר דעם גרויסען כבוד וואס איר האָט מיר צוגעטיילט ביז איצט צו זיין אייער טשערלײדי פאר אזוי פיעל יאהרען ביי דער לײדיס אוקזילערי. איך דאנק אייך, מיינע ליבע שוועסטער וואס איר האָט מיר אימער געהאָלפען אין דער גוטער ארבעט, ווייל אָהן גוטע סאלדאטען איז דער קאמאנדיר קיין העלד ניט.
איך האָף אז אין דער צוקונפט ווע־לען מיר אויך ארבעטן צוזאמען פאר דעם וואל און בעסטן פון דער מענשהייט

אייער איבערגעגעבענע שוועסטער
און פריינט פון דער מענשהייט
חיענקע גרינבערג

## א באַגריסונג

פון מר. און מרס. דזשא שניידער
צו דעם קרינקער פאראיין און
לײדיס אוקזילערי

אונזערע הארציגסטע גליקוואונשען צו אייער היינטיגען גרויסען יום־טוב וועלכער שטעלט פאָר מיט זיך א שעהנע, פראכטפאלע סימבאלישע בילד פון גרויסע אויפטוהונגען און גייסטיגע אונטערנעהמונגען. זאלען אייך אייערע גייסטיגע און פיזישע כוחות דינען אויף ווייטער לטובת אונדזערע שוועסטער און ברידער אין אונדזער אלטער היים שטאט
קרינק

●

## די גרופּע פרייע געזעלשאַפט

גריסט הארציג דעם קרינקער פאראיין און לײדיס אוקזילערי צו זייער גרויסן יום טוב און ווינשט אז זיי זאלען אויף ווייטער אָנהאלטען זייער גוטע ארבעט פארן וואויל און בעסטען פון דער מענשהייט. און מיר האָפען אז אין דער גאר גיכער צוקונפט זאל די מענשהייט זיך מער ניט נויטיגען אין שטיצע, און אייער ארבעט זאל פאר־וואנדעלט ווערען אויפן קולטורעלען באדען אלס קוואל פון ליכט און פרייד.

**גרופּע פרייע געזעלשאפט**

●



ידידע מייער

אן איבערגעגעבענער לאנדסמאן אין טעטיגער טוער. זיין רעסטאראנט אף דיוויזשאן סטריט איז יעצט די העד־קוואדערס פון קרינקער לאנדסלייט שיקאגא



מיסעס ראז סטאלארסקי

אלטער סטאלארסקיס פרוי



אלטע טיקאצקי

פרוי פון משה טיקאצקי, טרעזשורער



פעני מילער

דעם פרעזידענטס פרוי

# דעראינערונגען און בילדער פון מיין ליעבער היים שטעטעלע קריניק ווינטער 1922

פון **לואיס שיין** (לייבקע נאַסקעס)



בייטאָג האָבן ווינטעלאַך זיך געשפּילט מיט אַ לייכטען שנייעלע. עס איז נאַכט. אַ טיפער בלויער קלאָרער הימעל טראָגט זיך ערגעץ ווייט אין דער הויך אַ פולע לבנה־נאַכט. שטיל, קיין מענשען צו זעהן, בלויז איך אַליין שטעה אויפ'ן בריקעל אין פראָנט פון מיין טאַנטעס שטוב. אַזאַ נאַכט דערמאָנט מיר פון אַ סך מיינע אייגענע אַמאָליגע איבערלעבונגען דאָ אין מיין ליבער, אימער ביינקענדער היים־שטעטעלע קריניק.

און ניט פילענדיג לאָז איך זיך אַרונטער אין גאַס. די בלענדיגע ליכטיגקייט פון דער לבנה אויפ'ן פריש געפאַלענעם ווייסען שניי קאָמפּאַנירען פאַרפירישׂ און עס שרעקט מיר דער קלאַנג פון מיינע אייגענע טריט. און דאָך רופט מיר עפּעס ווי צום געהן.

אָט בין איך אויפ'ן גרעבליע אין אונזער מיהל־גאַס אַרום יונה דעם שמיטס שטוב. איך שטעל זיך אָפּ, און ווער איינפאַך פאַרגאַפּט פון דער שטילקייט.

דער טייך איז פאַרפראָרען. דער שניי און ווינטלאַך האָבן אויסגעמאַכט פון איהם אַ ריזיגען שפּיגלענדיגען גלאָז. די לבנה זעהט מיר אויס אונטען אין פאַרפראָרענעם טייך איינגעפּאַסט, אָדער ווי זי זאָל אין טייך אַריינפאַלען. די לאָנקעס און פעלדער אַרום טייך ווי ווייט מיין אויג קען נאָר גרייכען ציט זיך אַוועק ווייטע פאַרשנייטע פעלדער און בלויען אויסגעשטערנטען הימעל.

איך געה אַרויף אויפ'ן אייז און האָב מורא ווי אַמאָל ווען איך בין נאָך אַקליין אינגעל געווען געקומען זיך גליטשען דעם ערשטען מאָל אויפ'ן פאַרפראָרענעם טייך. איך בלייב שטעהן פאַרטראַכט — פּלוצלינג בליצט אויף אין מיין קאָפּ אַ וואלד מיט עראינערונגען, און אַליין פון זיך פאַנג איך אָן אימיצען זוכען, רופען. אָה, מיינע אַלע יוגענט חברים! אַוואו זיינט איהר איצט? איז דאָס גאָר אפשר בלויז אַ יוגענט שפּיל פון פאַרבאַהאַלטעניש? אָה, איך וויים,איך וויים, דער גרויסזאַמער שיקזאַל האָט אייך צוטריבען איבער אַלע לענדער אויף ווייטע פרעמדע וועגען, און דער זעלבער גרויזאַמער שיקזאַל האָט מיר דאָ געבראַכט צו זיין דער שליח פון אייך אויפ'ן קבר פון אונזער פאַרלאָרענער יוגענט . . .

דער פראָסט פון אייזיגען טייך קריכט מיר אין די ביינער. עס פאַנגט מיר אָן טרייסלען פון קעלט. איך געה זיך אַראָפּ

פון פאַרפראָרענעם טייך און פאַרנעם זיך
געהן ווייטער אַרויף צום קאַסטיאָל. עס
ווילט זיך מיר געהן צו וויריענס וועלד־
לאַך, ווי אַמאָל אין אַזעלכע נעכט, מיר
פלעגען דאָרט געהן צו אונזערע סאַבראַ־
ניעס. איך ווער אָבער געשטערט. פון דער
ווייטען דערטראָגט זיך צו מיר דער בילען
פון הינט איך דערזעה זיי לויפענדיג צו
מיר איבער'ן שניי. פון דאָרטען פלעגען
אונז אימער באַפאַלען בייזע הינט . . .
איך קעהר זיך אום צוריק און פאַרנעם
זיך אויף אונזער קאַווקאַז — איך וואַנ־
דער איבער די געסלאַך און פיהל זיך ווי
מען זאָל מיר דאָ בע'גנב'ענען . . . ניטאָ
יענע קאַווקאַז. דוכט זיך אַז אָט דאָ איז
געשטאַנען איטשע שאַכנעס שטוב. דאָר־
טען אַנטקעגען נחמן דעם שניידערס שטוב
און נאָך אַ היפשע ביסעל הייזער און
איצט ניטאָ; אָדער איך קען זיי ניט גע־
פינען. אַן אָפענע ברייטע נייע גאַס שנייט
אַדורך צום מאַרק דאָרט. — שטיבלאַך
שטעהען ווי אויף אַ פעלד. די פאַרקאַנס
צענומען און פאַרשוואונדען. יענער קאַוו־
קאַז פון דער יוגענט. . . . נאָך אַ שטיק
פון מיינע קינדערשע בילדער האָט די גרוי־
זאַמע צייט צוטראָטען . . .

איך געה ווייטער און איך קום צו
צו סאַקאָלקער גאַס און פאַרנעהם זיך צום
מאַרק. פלוצלינג איך הער ווי מען שרייט
צומיר אין פויליש "סטאָי"! אַ ניט שים
איך. איך דערשרעק זיך ניט, איך בלייב
שטעהן. איך ווייס ווער דאָס איז. עס
דערנענטערט זיך צו מיר די פוילישע וועכ־
טער, זשאַנדאַרמען מיט סאָלדאַטען, און
כאָטש זיי דערקאָנען מיר, זאָגען זיי
קלעמערשט דאָס, "נאָך 9 אַזייגער אָוונט
איז ניט ערלויבט פאַר ציווילע זיך ווייזען
אין גאַס."

איך מאַך זיך, אַז איך פאַרשטעה ניט
וואָס זיי ריידען. איך גיב זיי סיגאַרעטען,
זיי ענטשולדיגען זיך פאַר מיר און פאַר־
לאָזען מיר.

איך געה זיך ווייטער אויפ'ן מאַרק.
איך דריי זיך אַרום, אַרום די קראָמען
און בוטקעס. באַטראַכט די מויערען און
הייזער. פינסטער שטיל, ווי קיינער זאָל
דאָרטען מעהר ניט וואוינען. יעדער הויז
דערמאָנט מיר אַזוי פיל עראינערונגען
